STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05728

SOTSIALE FARZIKHERUNG

Sh. Almazov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָציאַלע פאַרזיכערונג

(אין אַמעריקע, אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע
לענדער און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד)

פון
ש. אַלמאַזאָוו

פאַרלאַג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
הויפּט־פאַרקויף : 80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק, פעברואַר, 1932

פון זעלבן אווטאָר:

„איבער אמעריקע“

פאַרלאַג „מאָרגן פרייהייט“, 1930

Copyright by
International Workers Order, Inc.
New York
1932

Center Press, Inc.
50 East 13th Street
33

אינהאַלט :

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

קאַפּיטל 1. אַרבעטלאָזיגקייט — — — — — — — — „ 9

„ 2. אויסשלאַכטונג פון אַרבעטער — — — — — — „ 24

„ 3. קראַנקהייטן — — — — — — — — — — „ 31

„ 4. עלטער און טויט־פאַלן — — — — — — — „ 34

„ 5. פאַרזיכערונג, וואָס פאַרזיכערט ניט — — — — „ 38

„ 6. קאָמפּענסאַציע־געזעצן אין אַמעריקע — — — — „ 48

„ 7. פּענסיעס פאַר אַלטע לייט — — — — — — „ 53

„ 8. סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד „ 62

„ 9. אָבליגאַטאָרישע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין איראָפּע — — — — „ 68

„ 10 פרייוויליגע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין איראָפּע — — — — „ 76

„ 11. סאָציאַלע פאַרזיכערונג און קלאַסן־קאַמף — — „ 82

„ 12. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן און דער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג — — — — „ 89

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — „ 96

אַריינפיר

דער ארבעטער אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד איז קיינמאָל ניט זיכער מיט דעם מאָרגנדיגן טאָג; פאַר זיינע אויגן שטייט שטענדיג דאָס געשפּענסט פון ארבעטלאָזיגקייט; ער ווערט אַלע מאָל פאַר־פאָלגט פון דעם געדאַנק, אַז מאָרגן קען ער בלייבן אָן אַ דזשאָב — ער לעבט אין שטענדיגער שרעק.

דער ארבעטער ציטערט פאַר דעם, אַז ער זאָל ניט צעקאַליע־טשעט ווערן ביי דער מאַשין, ביי דעם ווערקשטאַט, אין דער מיין, אָדער אויף דער רעשטאַוואַניע; דער ארבעטער האָט מורא פאַר דעם, אַז ער זאָל ניט קראַנק ווערן און פאַרלירן זיין ארבעט; דער ארבעטער ציטערט פאַר דעם, אַז אָט וועט זיך אָנרוקן די עלטער, אָט־אָט וועט דער באַלעבאָס אים ארויסוואַרפן און אים פאַרבייטן מיט אַ אינגערן.

ארבעטלאָזיגקייט, אומגליקספאַל, קראַנק־הייט, עלטער — ווי דער ארבעטער ציטערט פאַר זיי!

אָט דאָס ציטערן מאַכט דעם ארבעטער גרוי און אַלט פאַר דער צייט. ער פילט זיך אַזוי צוגעבונדן צו זיין דזשאָב, אַז עס מיינט פאַר אים פּשוט אַ טויט־אורטייל צו פאַרלירן די ארבעט.

די באַלעבאַטים נוצן אויס די דאָזיגע לאַגע און האַלטן פאַר די אויגן פון דעם ארבעטער דעם שטענדיגן סטראַשונאָק אים ארויס־צוואַרפן אין גאַס.

דערפאַר, וואָס דער ארבעטער האָט מורא צו פאַרלירן זיין אַר־בעט, ווייל ער ציטערט צו ווערן איינער פון דער ארבעטלאָזער אַרמיי, שטימט ער אָפט איין צו טאָן געפערלעכע ארבעטן אָן די נויטיגע און מעגלעכע שוץ־מיטלען, וואָס דער באַלעבאָס וואָלט געדאַרפט אָננעמען.

ווייל דער ארבעטער האָט ניט קיין מינימום פון פאַרזיכערונג אויף דעם פאַל פון ארבעטלאָזיגקייט, אומגליקספאַל, קראַנקהייט און ווען ער ווערט עלטער, לעבט ער, ווי געזאָגט, אין שטענדיקער שרעק.

ער ציטערט אָבער ניט נאָר פאַר דעם, וואָס עס קאָן מיט אים טרעפן ביים לעבן, נאָר ער איז אויך שטענדיג באַזאָרגט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין מיט זיין פאַמיליע אין פאַל פון זיין טויט. ער טראַכט אָפט וועגן דעם, אַז נאָך זיין טויט וועט די אַלמנה און די יתומים בלייבן אויף הפקר און עס וועט זיי אויסקומען אויסשטרעקן די הענט נאָך אַ נדבה.

אונטער די באַדינגונגען פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, אַז דער אַרבעטער זאָל זיך אַליין באַזאָרגן אויף די אַלע פאַלן פון נויט, וואָס זיינען פריער אויסגערעכנט געוואָרן. דער איינציגער אויסוועג פאַר אַ שטיקל פאַרזיכערונג, איז אַ פאָרמע פון ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע ר־פ אַ ר ז י כ ע ר ו נ ג — פון פאַרזיכערונג אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען.

דער אַרבעטער גיט אַוועק זיינע כוחות און זיין גאַנץ לעבן דעם באַלעבאָס. ווען דער אַרבעטער איז אין נויט, איז די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס האַלט זיך אויף זיין פּראַצע, פאַרפליכטעט צו באַוואָרענען אים און זיין פאַמיליע פון הונגער און פון נויט.

אין אַ סך קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן די אַרבעטער שוין אויסגעקעמפט אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרמע פון אַ מינימום פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, נאָר אין אַמעריקע, וואָס איז דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, איז כמעט ניטאָ קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג.

דער איצטיגער שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס האָט נאָך דרינגענדיגער אַוועקגעשטעלט פאַר די אַרבעטער די נויטווענדיגקייט צו קעמפן פאַר סאָציאַלער־פאַרזיכערונג, כדי זיך צו ראַטעווען פון הונגער־טויט. אַחוץ דאַרף אַריינגיין פאַרזיכערונג געגן דער שוידערלעך גרויסער נויט, וואָס ווערט פאַראורזאַכט צוליב אַרבעטלאָזיגקייט, אויך געגן נויט, וואָס ווערט פאַראורזאַכט צוליב קראַנקהייטן, צוליב אומגליקס־פאַלן ביי דער אַרבעט, צוליב דעם, וואָס, דערגרייכנדיג אַ געוויסן עלטער, ווערט דער אַרבעטער אַרויסגעשליידערט אין גאַס. ס'מוז אויך געפירט ווערן אַ קאַמף פאַר פענסיעס פאַר אַלמנות און יתומים.

דער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג ווערט פאַר דעם אַרבעטער אַ פראַגע פון דער גרעסטער נויטווענדיגקייט.

* * *

צוטרעטנדיג צו דער אָפּהאַנדלונג איבער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די אויפגאַבע אי צו געבן וואָס מער

אויספירלעכע אינפאָרמאַציע, אי צו מאַכן דעם מאַטעריאַל וואָס מער צוגענגלעך פאַר דעם ארבעטער־לייענער. איך האָב באַשלאָסן ניט מקריב צו זיין קיין נויטיגע דעטאַלן און אין דער זעלבער צייט ניט איבערלאָדן די אָפּהאַנדלונג מיט ציפערן און טאַבעלן.

עס איז געווען נויטיג צו געפינען אַ באַלאַנס צווישן דעם פּלאַץ, וואָס דאַרף אָפּגעגעבן ווערן פאַר דער ריין־אויפקלערערישער באַהאַנד־לונג פון דער פראַגע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, און צווישן דעם פּלאַץ, וואָס דאַרף אָפּגעגעבן ווערן צו באַלויכטן די אַנטוויקלונג אין פאַרשיידענע לענדער פון די קאַמפן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און די דערגרייכונגען אויף אַט דעם געביט.

פאַר דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל.

וועגן אַט דער פאַרזיכערונג וואָלט מען געקאָנט שרייבן פיל מער, נאָר איך האָב זיך באַנוגנט מיט אַ קורצן סך־הכל, וואָס דאַרף זיין גענוג אויף צו ווייזן דעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן דעם צושטאַנד פון אַ ברייטער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר די ארבעטער אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און דעם צושטאַנד פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אויב מיר האָט זיך איינגעגעבן כאָטש אין אַ קליינער מאָס דורכ־צופירן די אויפגאַבע, וואָס איך האָב זיך געשטעלט, און אויב די ארבעטער וועלן זיך מיט מיין אָפּהאַנדלונג באַנוצן אַלס מאַטעריאַל פאַר דער אויפקלערונג פון דער נויטווענדיגקייט פון דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וועל איך זיך פילן זיכער, אַז זיי וועלן די פראַגע נאָך מער און מער שטודירן. זייענדיג באַוואָפנט מיט וויסן און איבערצייגונג, וועלן די ארבעטער אַנטשלאָסענער קאָנען קעמפן פאַר דער פאָדערונג פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

* * *

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ גרויסן דאַנק דער „לייבאָר ריסוירטש ביוראָ“ פאַר אַ סך חבר'שער קאָאָפּעראַציע סיי מיט ראַט און סיי אין צושטעלן אינפאָרמאַציע און נויטיגע מאַטעריאַלן.

אַוטאָר

קאַפּיטל 1

אַרבעטלאָזיגקייט

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז אַרבעטלאָזיגקייט געוואָרן אַ פּערמענאַנטע דערשיינונג. ניט בלויז אין צייט פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס, אָדער פון אַ צייטווייליגן שטיל־שטאַנד אין די אינדוסטריען, דרייען זיך אַרבעטער אַרום אין די גאַסן, נאָר אפילו אין די יאָרן פון דעם גרעסטן עקאָנאָמישן אויפבלי איז דאָ אַ שטענדיגע אַרבעטלאָזע אַרמיי, וואָס דערגרייכט אין די מיליאָנען.

אין 1928 און אין אָנהויב פון 1929, ווען די אינדוסטריען אין אַמעריקע האָבן דערגרייכט זייער העכסטע אַנטוויקלונג, איז אין לאַנד געווען אַ ריזיגע אַרמיי פון דריי מיליאָן אַרבעטלאָזע. דאָס איז די שטענדיגע רעזערוו־אַרמיי, וואָס דער קאַפּיטאַליזם שאַפט, און מיט וועלכער ער באַנוצט זיך צו האַלטן די אַרבעטער אין צוים, כדי צו צווינגען זיי צו אַרבעטן פאַר דעם נידעריגן לוין, וואָס ער באַט זיי אָן, און ביי די באַדינגונגען, וואָס ער שלאָגט זיי פאָר.

די מיליאָנען אַרבעטלאָזע האָבן זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, ווייל די אַרבעטלאָזע אַרמיי איז ניט באַשטאַנען די גאַנצע צייט פון די זעלבע אַרבעטער. די וואָך זיינען די אַרבעטער געווען אָן אַרבעט און אַ צווייטע וואָך זיינען שוין אַנדערע געווען אָן באַשעפטיגונג.

די באַהויפּטונג, אַז אפילו אין דעם פּעריאָד פון דעם גרעסטן עקאָנאָמישן אויפבלי אין אַמעריקע איז געווען אַ גרויסע אַרבעטלאָזע אַרמיי, ווערט באַשטעטיגט פון פאָלגנדיגע אָפיציעלע ציפערן פון רעגירונגס באַריכטן*):

---

*) „מאָנטלי לייבאָר רעוויו" פון יונייטעד סטייט דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר, יאַנואַר 1931, זייט 205.

דורכשניט פון באַשעפטיגטע ארבעטער אין די אמעריקאַנער אינדוסטריען

(דער מאָנאַטלעכער דורכשניט פון יאָר 1926 ווערט גענומען אַלס 100)

יאָר		דורכשניט פון באַשעפטיגטע
1926	— — — — — — — — — — —	100
1927	— — — — — — — — — — —	96,4
1928	— — — — — — — — — — —	93,8

דאָס מיינט, אַז פון יעדע הונדערט אַרבעטער, וואָס זיינען אין 1926 געווען באַשעפטיגט, זיינען מער ווי 6 געווען ארבעטלאָז אין דעם „פראָספעריטי"־יאָר 1928. ווען צו די 6 פּראָצענט פון ארבעט־לאָזע, וואָס זיינען צוגעקומען פון 1926 ביז 1928, וועט צוגערעכנט ווערן די ארבעטלאָזע ארמיי, וואָס איז געווען אויך ביז 1926, וועט קלאָר ווערן, אַז די ציפער פון דריי מיליאָן ארבעטלאָזע אין די פּראָס־פּעריטי צייטן, איז זייער אַ קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג.

פון יאָר צו יאָר ביז דעם קריזיס איז די אמעריקאַנער פּראָדוק־ציע אַלץ מער און מער געוואַקסן, נאָר די צאָל ארבעטער איז גע־וואָרן אַלץ קלענער און קלענער. ווען מ'נעמט אַ לענגערן פּעריאָד, ווערט דער דאָזיגער צושטאַנד נאָך קלערער.

די פאָלגנדע טאַבעלע רעדט פאַר זיך אַליין*):

1919	1929	פאַרקלענערונג
צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען		
214,383	199,268	—7.1
ווערט פון אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן		
1919	1929	פאַרגרעסערונג
62,000,000,000	68,000,000,000	+10.3
צאָל באַשעפטיגטע ארבעטער		
1919	1929	פאַרקלענערונג
9,000,000	8,550,000	—5.0

אין דער צייט, ווען די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן זיינען אין לויף פון די צען יאָר פון 1919 ביז 1929 געשטיגן אין ווערט אויף דער קאָלאָסאַלער סומע פון 6 ביליאָן דאָלאַר, איז די צאָל פון די ארבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי שאַפן אָט די פּראָדוק־טען, געפאַלן אויף 450,000.

דעם 7־טן אַפּריל 1928, שרייבט דער פּראָפעסאָר אירווינג פי־

*) „מאָנטלי לייבאָר רעוויו" פון יונייטעד סטייטס דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר, דעצעמבער 1930, זייט 54.

שער פון יעיל אוניווערזיטעט אין דעם „מעגעזין אָוו וואָל סטריט" אַזוי:

„די לעצטע אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער רעגירונגס ביוראָ פאַר ארבעטער־סטאַטיסטיק, ווייזן אַ פאַרקלענערונג אויף 1,874,050 ארבעטער אין די אינדוסט־ריען צווישן 1925 און יאַנואַר 1928. דער ארבעטס־מיניסטער ווייזט אָן, אַז די אימיגראַציע האָט מעגלעך פאַרגרעסערט די באַפעלקערונג אויף אַרום 250,000 מענטשן. אַרום 2,000,000 בחורים און מיידלעך דערגרייכן יערלעך דעם ארבעטס־עלטער. אויב מ'זאָל אָננעמען אָט די ציפערן, וועט אויסקומען, אַז די צאָל פון ארבעט־פּייאיגע, וואָס זיינען ניט געווען באַשעפטיגט אין יאַנואַר 1928, איז געווען נאָענט צו 8,000,000, אַנשטאָט די 4,000,000, וואָס די לייבאָר ביוראָ האָט אָנגעגעבן.

די ווירקלעכע פאַרקלענערונג אין דער צאָל באַשעפטיגטע פון 1919 ביז 1926 איז ניט 15 פּראָצענט, ווי געשאַצט, נאָר 25 פּראָצענט, אויב מען נעמט אין אָנבאַטראַכט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג".

אָט די ארבעטלאָזיגקייט אין די יאָרן פון עקענאָמישן אויפקום איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם „ספּיד אַפּ" און פון דער ראַציאָנאַליזאַציע. דאָס קאָן באַווייזן ווערן אויף דעם ביישפּיל פון די אייזנבאַנען, וואו עס איז געווען אַ ריזיגע פאַרגרעסערונג אין פּאַ־סאַזשיר־פּאַרקער און אין פראַכט־אַנלאָדונג, נאָר אַ שטאַרקע פאַרקלע־נערונג אין דער צאָל ארבעטער.

זינט 1920 ביז דעם 15־טן סעפּטעמבער 1931, איז די צאָל באַשעפטיגטע ארבעטער אויף די אַמעריקאַנער אייזנבאַנען געשניטן געוואָרן אויף העכער 750,000 מאַן. אין 1920 זיינען אויף די אייזנבאַ־נען געווען באַשעפטיגט 2,022,832, אין סעפּטעמבער 1931 איז די צאָל ארבעטער געווען בלויז 1,254,89.

„ווען 100 ארבעטער טוען די ארבעט, וואָס עס האָבן פריער געטאָן 150 ארבעטער, איז ארבעטלאָזיגקייט שוין אומ־פאַרמיידלעך, — זאָגט דזשיימס באַרנעט*). אַפילו אין דעם „פּראָספּעריטע"־פּעריאָד זיינען געוויינטלעך געווען ארבעט־לאָז פון אַרום 2 און אַ האַלב ביז 4 מיליאָן ארבעטער".

דער דאָזיגער צושטאַנד ווערט נאָך שאַרפער דורכדעם, וואָס פון

*) „ספּידינג אַפּ די וואָרקערס", דזשיימס באַרנעט.

דאַרף גייט אין שטאָט אַריין אַ שטענדיגער שטראָם פון רואינירטע פאַרמער און פון פאַרם־אַרבעטער, וואָס זיינען אויף די פאַרמס געוואָרן אומנויטיג.

פון איין זייט די שווערע לאַסטן פון חובות, וואָס דער פאַרמער טראָגט אויף זיך, און די אומבאַגרענצטע אַפעטיטן פון די באַנקירן, תבואה־ספעקולאַנטן, מאַשין־טראַסטן און אַזוי ווייטער, און פון דער צווייטער זייט די וואַקסנדיגע מעכאַניזירונג פון דער אַגריקולטור — די אַלע פאַקטאָרן פירן צו דעם, אַז אַלץ מער פאַרמערס זאָלן ווערן אומנויטיג אין דאָרף און זאָלן געטריבן ווערן אין שטאָט צו פאַרגרעסערן די רייען פון דער וואַקסנדיגער אַרמיי פון אַרבעטלאָזע.

אין די צען יאָר צווישן 1919 און 1929 האָבן העכער 4,500,000 פאַרמערס פאַרלאָזן זייערע פאַרמס.

די עקזיסטענץ פון אַ פּערמאַנענטער אַרבעטלאָזיגקייט ווערט דורך דעם צושטאַנד אין דער אַגריקולטור נאָך מער פאַרשאַרפט. פאַרמאַכן די אויגן אויף אָט דער פּערמאַנענטער אַרבעטלאָזיגקייט איז שוין ניט מעגלעך — זי איז שוין צו גרויס.

אפילו די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", וואָס זוכט אַלע מאָל צו מינימיזירן די גרויס פון דער אַרבעטלאָזיגקייט, און וואָס קריכט פון דער הויט צו פאַרדעקן די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, מוז צוגעבן*), אַז אויפן גרונט פון אָפיציעלע ציפערן איז אין אַמעריקע געווען פאָלגענדיגע צאָל אַרבעטלאָזע אין די יאָרן פאַר דעם קריזיס:

יאָר		צאָל אַרבעטלאָזע
1923	— — — — — — — —	1.532,000
1924	— — — — — — — —	2,315,000
1925	— — — — — — — —	1,775,000
1926	— — — — — — — —	1,669,000
1927	— — — — — — — —	2,055,000
1928	— — — — — — — —	2,707,000
1929	— — — — — — — —	2,413,000

ווי מיר זעען פון אָט דער טאַבעלע, איז אפילו די אולטראַ רעאַקציאָנערע אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר געצוואונגען צוצוגעבן, אַז אַרבעטלאָזיגקייט איז אין אַמעריקע געוואָרן אַן איבל פון אַ פער־

*) „אַמעריקען פעדעריישאַניסט", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, נאָוועמבער 1931.

מאנענטן כאראקטער. זי מוז צוגעבן, אז אפילו אין 1928 און 1929, אין די יארן פון העכסטן עקאנאמישן אויפבלי, זיינען געווען מ י ־ ל י א נ ע ן ארבעטלאזע.

עס איז אויסער צווייפל, אז די אמעריקאנער ארבעטער שטייען דא פנים אל פנים מיט א דערשיינונג, וואס האט זיך שוין פון לאנג איינגעבירגערט אין ענגלאנד, אין דעם קלאסישן לאנד פון קאפי־טאליזם, און וואס ווערט א שטענדיגע דערשיינונג אויך דא אין לאנד.

וויפיל די קאפיטאליסטישע אפאלאגעטן זאלן דאס ניט וועלן פארלייקענען און פארדעקן, וועט זיך דאס זיי ניט איינגעבן. די פער־מאנענטע ארבעטלאזיגקייט לאזט זיך מער ניט פארדעקן.

אין די קריזיסן, וואס זיינען געווארן א כראנישע דערשיינונג, ווערט די פערמאנענטע ארבעטלאזע ארמיי פארגרעסערט מיט נייע מיליאניגע קאדרען ארבעטער, וואס ווערן צוליב דעם קריזיס ארויס־געווארפן אין גאס.

אין לויף פון די לעצטע 30 יאר האבן די ארבעטער אין אמעריקע געהאט די פאלגנדע קריזיסן אויף א גרויסן מאסשטאב: 1907, 1914, און דעם איצטיגן קריזיס, וואס האלט שוין אן זינט 1929. א חוץ דעם זיינען געווען קלענערע קריזיסן אין די יארן 1921 און 1924. אזוי, אז איידער דער ארבעטער כאפט אפ דעם אטעם פון איין קרי־זיס, רוקט זיך אן א צווייטער.

דער איצטיגער קריזיס איז נאך שווערער פאר די ארבעטער דורך דעם, וואס אי ער איז א פארצויגענער, אי עס זעט זיך גאר ניט, אז ווען דער קריזיס זאל אפילו אביסל פארקלענערט ווערן און עס זאל אפילו אנקומען א צייטווייליגע אויפלעבונג, זאלן די אלע איצטיגע מיליאנען ארבעטלאזע קאנען צוריק אריינגעצויגן ווערן אין די אינדוסטריען.

אין די לעצטע יארן איז א דאנק דער ראציאנאליזאציע, א דאנק דעם משוגע׳נעם „ספיד־אפ“, א דאנק די נייע קאמפליצירטע מא־שינען, וואס ווערן מיט יעדן יאר אלץ מער פארפולקאמט, געשאפן געווארן א צושטאנד, אז פון איין זייט האט זיך ריזיג געהויבן די פראדוקטיווקייט פון די ארבעטער, און פון דער צווייטער זייט איז א ריזיגע טייל פון דער ארבעט פון מענטשישע הענט פארביטן גע־ווארן מיט דער ארבעט פון מאשינען.

אין לויף פון א פערטל יארהונדערט איז די פראדוקטיווקייט פון א מיינער אין אמעריקע פארגרעסערט געווארן אויף 160 פרא־צענט. אין די אנדערע אינדוסטריען איז די פראדוקטיווקייט געשטיגן אויף ארום 60 פראצענט.

אין לויף פון די לעצטע 15 יאָר צייט האָט אמעריקע פאַרפיר־פאַכט איר פראָדוקציע פון עלעקטרישער קראַפט און אויף איר חלק נעמט זיך איצט אָן א העלפט פון דער עלקעטרישער קראַפט, וואָס ווערט פראָדוצירט אין דער גאַנצער וועלט. פון אַרום זיבן א האַלב מיליאָן פערד־קראַפט פון עלעקטריציטעט אין דינסט פון די אמערי־קאַנישע אינדוסטריען מיט 15 יאָר צוריק, איז איצט דערגרייכט געוואָרן א צושטאַנד פון העכער 30 מיליאָן פערד־קראַפט, וואָס דאָס מיינט, אז עס איז דורך אָט דער קראַפט אליין איינגעשפּאַנט געוואָרן די אַרבעט פון העכער 600 מיליאָן מעכאַנישע שקלאַפן צו פאַרבייטן די אַרבעט פון מענטשישע הענט.

אין 1926 האָט דער פּרעזידענט פון דעם אמעריקאַנער „טשעמ־בער אָוו קאָמערס" אָנגעגעבן פאָלגנדע ציפערן*):

„אין דער שטאָל־אינדוסטריע פאַרבייטן צוויי אַרבעטער, וואָס לאָדן אויס מיט דער הילף פון מאַשינען, די אַרבעט פון 12 ביז 20 מענטשן, וואָס לאָדן אויס ביים האַנט.

איין אַרבעטער ביי א מאַשין, וואָס מאַכט פלעשער, טוט איצט די אַרבעט, וואָס עס פלעגן פריער טאָן 54 אַרבעטער.

צוויי אַרבעטער מיט א קאָנווייער פאַר קוילן פאַרבייטן די אַרבעט פון 50 אַרבעטער.

איין אַרבעטער ביי א מאַשין, וואָס וויקלט פּאַפּיראָסן, פאַרבייט 100 הענט־אַרבעטער".

אין דער אמעריקאַנער אַגריקולטור גייט אָן דער זעלבער פּראָצעס, ווי אין די אינדוסטריען, צו פאַרבייטן די אַרבעט פון מענטשישע הענט מיט דער אַרבעט פון מאַשינען.

די צאָל טראַקטאָרן אויף די אמעריקאַנער פאַרמס איז אין די לעצטע יאָרן געוואַקסן אַזוי:

יאָר		צאָל טראַקטאָרן
1920	— — — — — —	246,083
1925	— — — — — —	506,745
1940	דערוואַרט — — —	2,500,000

דער פאַרגלייך צווישן וואוקס פון דער באַפעלקערונג און דער **פּראָדוקציע אין די יאָרן צווישן 1914 און 1920 איז ווי פאָלגט:**

---

*) מאָריס קאָלבאָרן, „אָנעמפּלאָימענט אָר וואָר", 1928.

באפעלקערונג	געוואַקסן אויף — — — — — —	6,1	פּראָצענט
פאַבריק־פּראָדוקציע	„	48	„
אַגריקולטורעלע „	„	9	„
מיין	„ „	39	„

פון 1914 ביז 1925 איז אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע פאַר־ציייכנט געוואָרן א פאַרגרעסערונג אויף 467 פּראָצענט; אין דער גומי־אינדוסטריע — אויף 397 פּראָצענט; אין דער כעמישער אינדוסטריע — אויף 99 פּראָצענט; אין דער שטאָל־אינדוסטריע — אויף 86 פּראָ־צענט און אין דער שפּייז־אינדוסטריע — אויף 43 פּראָצענט.

די דאָזיגע ריזיקע פאַרגרעסערונגען זיינען געווען א דירעקטער רעזולטאַט פון דעם איינפיר פון מער מאשינען און אויך גלייכצייטיג פון א פאַרגרעסערטער יאָגעניש ביי דער ארבעט.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז אזוי קאָלאָסאַל פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פון מעכאַנישע שקלאַפן, איז ניט פאַרקלענערט גע־וואָרן דער ארבעטס־טאָג, און עס איז ניט פאַרלייכטערט געוואָרן די ארבעט אין די פאַבריקן. פאַרקערט, עס איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דער „ספּיד־אַפּ", און די פאַרשטאַרקטע ראַציאָנאַליזאַציע יאָגט נאָך מער ארויס די נשמה פון דעם ארבעטער.

פאַר יעדע 100 דאָלער ווערדזשעס פּראָדוצירט אַן ארבעטער אין אַמעריקע 81 טאָן טשוהון; אַן ארבעטער אין ענגלאַנד פּראָדוצירט פאַר דער זעלבער סומע ווערדזשעס בלויז 41 טאָן טשוהון.

אין די לעצטע צוויי צענדליג יאָר האָט מען זייער א סך גערעדט וועגן דעם, אז די ארבעטער, וואָס ווערן ארויסגעוואָרפן פון איין אינ־דוסטריע, ווערן באַלד אריינגעצויגן אין א צווייטער, און דער עיקר, ווערן זיי אריינגעצויגן אין נייע אינדוסטריען, וואָס אַנטוויקלען זיך זייער שנעל. מ'האָט ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע, וואָס איז איינגאַנצן אַלט ארום 30 יאָר, און וואָס האָט אריינגענומען ארום 4 מיליאָן ארבעטער.

ווייזט זיך אָבער ארויס, אז די דאָזיגע אינדוסטריע איז, ערשטנס, געקומען צו א פּונקט אין איר אַנטוויקלונג, ווען אויך זי האָט אָנ־געהויבן גיין אויף צוריק, און, צווייטנס, וואָלט זי—אפילו אָנהאַלטנדיג איר גרעסטן אימפּעט—ניט געקאָנט באַווייזן אריינצונעמען די וואַקסנ־דיגע צאָל פון די מיליאָנען ארבעטער, וואָס ווערן ארויסגעוואָרפן פון אַלע אַנדערע אינדוסטריען.

צו וואָס־זשע פירט דאָס?

דאָס פּירט צו דעם, אַז מיליאָנען אַרבעטער זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון די פאַבריקן אָן האָפענונג ווען עס ניט איז צו געפינען פאַר זיך באַשעפטיגונג. די דאָזיגע אַרבעטער זיינען פאַראורטיילט צו ווערן „איבעריגע מענטשן“.

דעם 28טן פעברואַר 1928, האָט די ניו יאָרקער „טיימז“ באַריכטעט, אַז דזשיימס דזשי דייוויס, דער דעמאָלסדיגער סעקרעטערי אָוו לייבאָר, האָט וועגן דעם דאָזיגן צושטאַנד געזאָגט פאָלגנדיגעס:

„אין ווייניגער ווי אין 10 יאָר צייט איז די באַפעלקערונג פון אַמעריקע פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 20 מיליאָן נפשות. לויט דער פּראָדוציר־נאָרמע פון דעם יאָר 1919 וואָלט מען איצט געדאַרפט האָבן 140 אַרבעטער אויף דעם פּלאַץ פון יעדע 100 אַרבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט מיט צען יאָר צוריק. אָנשטאָט דעם אָבער מיר זאָלן האָבן אַ פאַרגרעסערונג פון אַרבעטער, האָבן מיר גאָר אַ צושטאַנד, ביי וועלכן מיר באַפרידיגן די נויטן פון דער באַפעלקערונג מיט 7 פּראָצענט ווייניגער אַרבעטער“.

לואיס, דער פּרעזידענט פון דער יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן, האָט אין אַ רעדע לעצטן יאָר געזאָגט, אַז הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין דער קוילן־אינדוסטריע זיינען געוואָרן אומנויטיג אויף שטענדיג — זיי זיינען געוואָרן „איבעריגע מענטשן“.

און אָט צו דער דאָזיגער ריזיגער אַרמיי פון „איבעריגע מענטשן“ און פון פּערמאַנענטע אַרבעטלאָזע, איז איצט צוגעקומען אַ נייע פיל־מיליאָניגע אַרמיי פון אַרבעטלאָזע, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס צוליב דעם פאַרצווייגענעם און שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַמעריקע און די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

די איצטיגע אַרבעטלאָזע אַרמיי.

די גרויס פון דער איצטיגער אַרבעטלאָזיגקייט איז ניט גענוי פעסטגעשטעלט, נאָר אויף דעם באַזיס פון פאַרשיידענע אויסרעכענונגען קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַז די אַלגעמיינע צאָל פון אַרבעטלאָזע איז איצט, אין דריטן יאָר פון קריזיס, מער ווי 12 מיליאָן.

לויט דעם צענזוס פון דעם 2טן אַפּריל 1930 איז אויסגעקומען אַז די אַרבעטלאָזע אַרמיי ציילט ניט מער ווי אַרום דריי מיליאָן, נאָר אין מערץ פון 1931, האָט שוין לאַמאָנט, דער סקרעטערי אָוו קאָמערס, געמוזט צוגעבן, אַז אויף דעם באַזיס פון דעם צווייטן צענזוס,

וואָס איז גענומען געוואָרן אין מאָנאַט יאַנואַר 1931 אין 19 פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע שטעט פון לאַנד, דערגרייכט די אַרבעט־לאָזיגקייט אַ צאָל פון אַרום 6,050,000.

לויט דעם באַריכט פון דער אויספאָרשונג פון דער מעטראָפּאָלי־טאַן לייף אינשורענס קאָמפּאַני אין 46 פון די גרעסערע שטעט, דער־גרייכט די אַרבעטלאָזיגקייט ביז אַרום 24 פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער צאָל אַרבעטער אין די דאָזיגע שטעט.

די „יונייטעד סטייטס ביוראָ אָוו לייבאָר סטאַטיסטיקס" באַריכ־טעט, אַז דער אָנצייגער פון דער צאָל באַשעפטיגטע אין די אַמעריַ־קאַנער אינדוסטריען איז געפאַלן פון 93.3 אין סעפּטעמבער 1929 צו 74 און אַ האַלב אין אַפּריל פון 1931. אין די לעצטע מאָנאַטן איז אָנגעגאַנגען אַ ווייטערדיגע פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטער אין די אינדוסטריען.

נעמענדיג*) דעם דורכשניט פון דער צאָל באַשעפטיגטע אַרבע־טער אין 1926 אַלס 100, וועט זיך באַקומען פאָלגנדיג בילד וועגן דעם צושטאַנד צום 1טן אָקטאָבער 1931:

יאָר	באַשעפטיגטע אַרבעטער	לוין־נאָרמע
1926	100	55.4
1טער אָקטאָבער 1930	79.9	74.2
1טער אָקטאָבער 1931	69.6	100

די דאָזיגע ציפערן דערציילן אַ זייער וויכטיגן פאַקט, אַז בשעת אין פאַרגלייך מיט 1926 איז די צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער געפאַלן אויף 30,4 פּראָצענט, איז דער באַטרעף פון דער אַלגעמיינער סומע, וואָס איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין לוין, געפאַלן אויף 44,5 פּראָצענט.

די וואַקכאַנאַליע פון לוין־רעדוצירונגען קריגט אַלץ מער אימ־פּעט. די אַפּעטיטן פון די געלט־זעק האָבן גאָר ניט קיין גרעניץ. ביי די אייזנבאַן־אַרבעטער שניידט מען איצט אַראָפּ 210 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר פון זייער לוין. אין דער בוי־אינדוסטריע ווילן די באַסעס שניידן דעם לוין אויף 25 פּראָצענט. אומעטום האָט מען ביי די אַרבעטער געשניטן דעם לוין.

די דאָזיגע פאַקטן באַדייטן אַ פאַרגרעסערטע נויט אפילו צווישן די, וואָס אַרבעטן נאָך.

די אויטאָמאָביל־אינדוסטריע אַרבעט ניט מער ווי אויף 20 פּראָצענט פון איר קאַפּאַציטעט; די שטאָל־אינדוסטריע ניט מער ווי

---

*) „די אַנאַליסט", 23טער אָקטאָבער 1931, זייט 675.

אויף 25 פראָצענט פון איר פּראָדוציר־מעגלעכקייט; די בוי־אינדוסט־ריע איז אין איינציגע שטעט אינגאַנצן אין א שטיל־שטאַנד. אין גאַנצן לאַנד זיינען די נייע בוי־ארבעטן אומאַבדייטנד — אומעטום ווערן אַרויסגעוואָרפן אַרבעטער. די פּראַכט־אַנלאָדונגען האָבן אין 1929 דערגרייכט א דורכשניט פון אַרום א מיליאָן און הונדערט טויזנט וואַגאָנען א וואָך; אין 1930 איז דער דורכשניט געווען אַרום 900,000 וואַגאָנען א וואָך; אין דעם יאָר 1931 איז די צאָל אָנגעלאָדענע וואַגאָנען מערסטנס געווען אַרום 700,000 א וואָך, און איז אין איי־ניגע וואָכן געפאַלן אפילו ביז 600,000; אין די לעצטע וואָכן פון 1931 איז שוין די פּראַכט־אַנלאָדונג געפאַלן אַזוי נידעריק, ווי ביז 450,000 וואַגאָנען א וואָך. דאָס מיינט א פאַרקלענערונג אויף אַרום 65 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1929 — דאָס מיינט ווידער מער אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. די אַרבעטלאָזע אַרמיי קריגט צו נייע הונדערטער טויזנטער רעקרוטן יעדן מאָנאַט.

צוזאַמען מיט פאַמיליעס האָט די אַר־בעטלאָזיגקייט אין אַמעריקע געטראָפן העכער 30 מיליאָן נפשות, וואָס זיינען אין געפאַר פון הונגער־טויט.

אין לויף פון די ערשטע צוויי יאָר צייט פון דעם קריזיס האָבן די אַרבעטלאָזע און די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן בלויז א טאָג־צוויי א וואָך, פאַרלאָרן פופציג ביליאָן דאָלאַר וויידזשעס.

דאָס מיינט, אַז אויף אַזוי פיל איז געשטיגן די נויט און דער הונגער־צושטאַנד צווישן די אַרבעטלאָזע.

דאָס מיינט, אַז אויף אַזוי פיל איז געקויפט געוואָרן ווייניגער נאַרונג, ווייניגער קליידונג, ווייניגער פאַרהוילונג, ווייניגער מעדיצי־נישע הילף און ווייניגער פון אַלץ, וואָס איז פון סאַמע נויטווענדיגסטן.

דערפאַר איז פאַרגרעסערט געוואָרן די שטערבלעכקייט; דער־פאַר זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן קראַנקהייטן; דערפאַר איז גע־שטיגן די צאָל פון זעלבסטמאָרדן צווישן אַרבעטלאָזע.

וואוקס פון נויט צוליב אַרבעטלאָזיגקייט

דר. דינגהעם, וויצע־פּרעזידענט און מעדיקעל דירעקטאָר פון דער „קאָנטינענטאַל אינשורענס קאָמפּאַני", שיקאַגאָ, זאָגט אָט וואָס:

„אין די ערשטע 10 חדשים אין 1930 האָבן 8,517 פון די 57 מיליאָן פאַראינשורטע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָס איז

מיט 1,643 מער, ווי אין דעם זעלבן פעריאָד אין דעם יאָר 1929".

אין דער אינדוסטריעלער גרופּע פון פּאָליסי האָלדערס, וואָס צאָלן וועכנטלעך, זיינען געווען 10 זעלבסטמאָרדן דאָרט, וואו לעצטן יאָר זיינען געווען 9. (באריכט פון דער קאָנווענשאָן פון דער „אסאָסיאיישאָן אָוו לייף אינשורענס פּרעזידענטס), דעצ. 1930".

די „אינדוסטריעלע אינשורענס" איז די אינשורענס פון די אָרעמע מאַסן, נאָר פונדעסטוועגן איז אָט די דערמאָנטע צאָל פון זעלבסטמאָרדן בלויז אַ שוואַכע אָנדייטונג אויף דער גרויסער צאָל פון זעלבסטמאָרדן אין דער ברייטער ארבעטערשאַפט.

אין די ערשטע 6 חדשים פון 1930 איז די צאָל פון גייסטיג־קראַנקע, וואָס זיינען באהאַנדלט געוואָרן אין בעלוויו האָספּיטאָל אין ניו יאָרק, פארגרעסערט געוואָרן אויף 2,500 אין פארגלייך מיט דער צאָל פון גייסטיג־קראַנקע אין דעם זעלבן פעריאָד מיט צוויי יאָר פריער.

די צאָל פון קאָמסאָמפּטיווס שטייגט; די טובערקולאָזע דעפּאַרטמענטס זיינען אין אַלע האָספּיטאָלס איבערגעפּאַקט.

סיי די גייסטיג־קראַנקע, סיי די שווינדזיכטיגע קומען מערסטנס פון די רייען פון די ארבעטער־מאַסן און דער עיקר פון די רייען פון די ארבעטלאָזע.

אָט וואָס עס זאָגט דער קאָמישאָנער פון די האָספּיטאָלס, דזשיי דזשי גריף:

„אין 1930 זיינען אין די ניו יאָרקער האָספּיטאָלס באהאַנדעלט געוואָרן מער גייסטיג־קראַנקע, ווי ווען ניט איז פריער. די שרעק פאַר דער ארבעטלאָזיגקייט טרייבט מענטשן צו זאָרגן ביז זיי ווערן פיזיש און גייסטיג קראַנק".

וואָס־זשע דאַרף געטאָן ווערן פאַר די דאָזיגע מיליאָנען ארבעטער, וואָס זיינען געבליבן אָן ארבעט? וואָס דאַרף געטאָן ווערן צו ראַטעווען זיי און זייערע פאַמיליעס פון הונגער־צושטאַנד? וואָס דאַרף געטאָן ווערן צו ראַטעווען זיי פון פארצווייפלונג, פון קראַנקהייט און פון זעלבסטמאָרדן?

עס דאַרף זיין קלאָר, אַז די דאָזיגע מיליאָניגע ארמיי פון ארבעטלאָזע מוז ווערן באזאָרגט אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען.

כמעט אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער האָבן ארבעטער שוין לאַנג פאַר זיך אויסגעקעמפט ארבעטלאָזע־פארזיכערונג. די דאָזיגע פארזיכערונג איז אין קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד ניט גענוג אויף צו באזאָרגן

די פאַמיליע פון אַן אַרבעטלאָזן מיט אַלץ, וואָס מען דאַרף, נאָר עס איז כאָטש פאַרזאָרגט אַ מינימאַלע גאַראַנטיע אויף צו דערהאַלטן די נשמה. אין אַמעריקע האָבן די אַרבעטער קיין מינימום פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג אויך ניט און זיי זיינען איבערגעלאָזט אויף גאָט'ס באַראָט.

די אַמעריקאַנער „ברויט-געבער" און זייערע לאַקייען אין דער אָפיציעלער יוניאָן-באַוועגונג באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן די פאָדערונג פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

דער קאַפּיטאַליסט קעמפט געגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג צוליב אַ סך אורזאַכן:

ער וויל ניט, אַז אויף אים זאָלן אַרויפגעלייגט ווערן גרעסערע שטייערן; ער וויל ניט, אַז עס זאָל אַנערקענט ווערן דער פּרינציפּ, אַז די געזעלשאַפט טראָגט אויף זיך די אחריות פאַר דעם וואויל-זיין פון דעם אַרבעטער; ער וויל ניט קיין געזעץ, וואָס זאָל באַגרעניצן זיין פרייהייט צו האַנדלען מיט די אַרבעטער, ווי ער וויל; דער עיקר וויל ער ניט קיין געזעצן, וואָס זאָלן פאַרזיכערן דעם אַרבעטער און אים מאַכן ניט אַזוי הילפלאָז. דער קאַפּיטאַליסט איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט, אַז דער אַרבעטלאָזער זאָל ניט פילן, אַז ער האָט עפּעס, אויף וואָס ער קאָן מער-וויייניגער זיך אָנשפּאַרן, ווייל דעמאָלט וועט מען דאָך שוין ניט קאָנען אַזוי אויסנוצן די אַרבעטלאָזע אַרמיי אַלס אַ רעזערוו-כוח, מיט וועלכן מ'קאָן אַלע מאָל סטראַשען די באַשעפטיגטע אַרבעטער:

— איר ווילט ניט אָננעמען די געגעבענע באַדינגונגען, וועלן מיר אַ רוף טאָן די אַרבעטלאָזע — זיי וועלן שוין אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז.

אַן אַרבעטלאָזער, וואָס וועט זיין געזיכערט אפילו מיט אַ קליינעם מינימום פון אַרבעטלאָזער-פאַרזיכערונג, וועט זיך שוין ניט פילן אַזוי הילפלאָז און וועט זיך ניט וואַרפן צו כאַפּן יעדן דזשאַב פאַר וועלכן פּרייז עס זאָל ניט זיין.

דאָס טויג ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטן און דערפאַר ווייזן זיי אַרויס אַזאַ אַנטשלאָסענע געגנערשאַפט צו דער פאָדערונג פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

וואָס זאָגן זייערע געטרייע דינער אין די יוניאָנס?

גרין, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערייש
אָן אָוו לייבאָר, זאָגט, אַז דער אַמעריקאַנער אַרבעטער איז צו שטאָלץ אָנצונעמען אַרבעטלאָזע-פאַרזיכערונג (פאַרקויפן עפּעלעך און אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה — דאָס איז אָל-רייט!)

דער קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר קומט צו דער קאָנווענשאָן אין וואַנקואַווער אין 1931 — נאָך צוויי יאָר הונ־גער פאַר מיליאָנען אַרבעטלאָזע — מיט אַזאַ באַריכט:

„עס איז די מיינונג פון דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל, אַז גע־צוואונגענע סאָציאַל־פאַרזיכערונג אויף דעם שטייגער פון דער פאַרזיכערונג, וואָס איז איצט איינגעפירט אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד, וואָלט ניט געווען צוגעפּאַסט צו אונזערע פּאָ־ליטישע און עקאָנאָמישע נויטן און וואָלט ניט גע־ווען צופרידנשטעלנד פאַר די אַמערי־קאַנער אַרבעטער". (אונטערגעשטראָכן פון מיר ש. א.)

די קאָנווענשאָן נעמט אָן די דאָזיגע רעקאָמענדאַציע פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל און עס ווערט צוריקגעוואָרפן דער פאָרשלאָג, וואָס אייניגע ביוראָקראַטן האָבן זיך דערפילט געצוואונגען אַריינצו־ברענגען, אַז די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זאָל אַרויסקומען מיט אַ פאָדערונג פאַר סאָציאַלער־פאַרזיכערונג.

די קאַפּיטאַליסטן און זייערע געטרייע משרתים האָבן די דאָזיגע געפאָדערטע פאַרזיכערונג אַ נאָמען געגעבן „דאָול" (נדבה), כדי צו פאַר'מיאוס'ן זי אין די אויגן פון די אַרבעטער. די מאַגנאַטן באַקעמפן די „נדבה" אויף דעם גרונט פון דעם, וואָס דאָס וועט צונעמען די מעגלעכקייט צו העלפן די אַרבעטלאָזע אויף דעם „אַמעריקאַנעם שטייגער". (פּרעזידענט הואווער האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף איבער־לאָזן די פראַגע פון הילף פאַר די אַרבעטלאָזע צו דעם צדקה־געפיל פון דער באַפעלקערונג). די יוניאָן־ביוראָקראַטן באַקעמפן די „נדבה" אויף דעם גרונט, וואָס דאָס וועט זיין „אַ באַליידיגונג פאַר דער שטאָלץ פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער".

די קאַפּיטאַליסטישע טעאָרעטיקער פּרובירן אויך מאַכן דעם איינדרוק, אַז די אַרבעטלאָזע האָבן רעסורסן פון די יאָרן, ווען די אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיגט.

דאָס איז דורכאויס פאַלש. לויט די באַריכטן פון דעם לייבאָר דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג, פאַרדינען 75 פּראָצענט פון די אַר־בעטער אין אַמעריקע ווייניגער פון דעם דורכשניט, וואָס איז נויטיג פאַר „אַן אַנשטענדיג און געזונט לעבן". דער דאָזיגער דורכשניט פאָ־דערט אַ פאַרדינסט פון ניט ווייניגער ווי 2,100 דאָלאַר אַ יאָר.

העכער אַ העלפט פון די אַרבעטער אין אַמעריקע פאַרדינט ווייניגער פון 25 דאָלער אַ וואָך. אין דער קוילן־אינדוסטריע, אין דער

שטאָל־אינדוסטריע, אין די סטאָק־יאַרדס, אין דער אַגריקולטור פאַר־דינען אַרבעטער דאָס אויך ניט. ווען די פאַרדינסטן פון אַרבעטע־רינס איז דאָך שוין אַפּגערעדט, אַז זיי דערגרייכן אָפט ניט אַפילו קיין דריטל און ניט קיין פערטל פון אַט דעם נויטיגן מיניִמום.

טויזנטער פרויען אַרבעטן אין רעסטאָראַנען, אין טשיין־סטאָרס און אין פאַבריקן פאַר אַזוי ווייניג, ווי 6 דאָלער אַ וואָך.

ווי קאָן מען דאָ רעדן וועגן אָפּשפּאָרן פון אַט די פאַרדינסטן פאַר אַ „רעגנדיגן טאָג“?

מ'דאַרף אויך געדענקען, אַז דאָרט, וואו די אַרבעטער האָבן שוין אַפילו אָפּגעשפּאָרט פון דעם ביסן פון מויל אַ פּאָר דאָלאַר, זיינען זיי נאָך אויך ניט באַוואָרנט, אַז זיי וועלן האָבן, אין פאַל פון אַר־בעטלאָזיגקייט מיט וואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט כאָטש אין לויף פון אַ פּאָר וואָכן צייט.

אין די לעצטע 2½ יאָר האָבן באַנקראָטירט נאָענט צו 5,000 באַנקען; עס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן דעפּאָזיטס אויף אַרום 4 ביליאָן דאָלאַר.

די מערסטע געליטענע זיינען גראָד געווען די אָרימסטע עלעמענטן, וועלכע וויסן ניט וועלכע באַנק איז זיכער און וועלכע האַלט זיך אויף הינערשע פיסלעך.

יאָ, עס זיינען דאָ די נישטיגע אַנעמפּלאָימענט „סקימס“ אין אַ פּאָר אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אין עטלעכע יוניאָנס, וואָס רירן מיטאַמאָל אָן אפשר הונדערט טויזנט אַרבעטער. נאָר וועגן די דאָזיגע „גראַנדיעזע סקימס“ וועט אויסקומען צו רעדן באַזונדער. די גאַנצע פיל־מיליאָניגע אַרבעטלאָזע אַרמיי האָט ניט קיין אָפּגע־שפּאָרטע געלטער, האָט ניט קיין שטיצע און זי מוז קריגן אַרבעט־לאָזע פאַרזיכערונג.

די אינדוסטריען, אין וועלכע די אַרבעטער האָבן אויסגעלייגט די כוחות, זיינען פאַראַנטוואָרטלעך צו די אַרבעטער, וואָס בלייבן אַרבעטלאָז. דאָס לאַנד, וואָס איז פון דער פּראַצע פון אַט די אַרבע־טער רייך געוואָרן, דאַרף די אַרבעטלאָזע באַזאָרגן מיט ברויט. די מלוכה איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עקזיסטענץ פון די מיליאָנען אַרבעטלאָזע און זייערע פאַמיליעס, וואָס ליידן הונגער.

ניט טשאַריטי־הילף, וואָס העלפט ניט; ניט קיין באַליידיגנדיגע, דערניד־ריגנדיגע ברויט־ליינס, נאָר אַרבעטלאָזע

פאַרזיכערונג מוז איינגעפירט ווערן פאַר די מיליאָנען אַרבעטלאָזע.

און פונקט ווי אַרבעטלאָזיגקייט איז אַ גרויסער אומגליק פאַר די אַרבעטער, אַזוי איז אויך אַ גרויסער אומגליק פאַר זיי — אפשר נאָך אַ גרעסערער ווי אַרבעטלאָזיגקייט — דער פאַרברעכערישער צושטאַנד פון דער שוידערלעכער אויסשלאַכטונג פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן, ווי מיר וועלן זען פון דעם נעקסטן קאַפיטל.

קאַפּיטל 2

די אויסשלאַכטונג פון די אַרבעטער

אין די אינדוסטריען אין אַמעריקע גייט אָן טאָג־טעגלעך אַן אמת׳ע אויסשלאַכטונג. צוליב דעם משוגע׳נעם „ספּיד־אַפּ״, צוליב דעם, וואָס עס ווערן ניט אָנגענומען די נויטיגע מיטלען אויף צו באַשיצן די אַרבעטער ביי די מאַשינען, אויף רעשטאָוואַניעס, אין די מיינס און ביי אַלערליי געפערלעכע אַרבעטן, ווערן אומגעבראַכט צענדליגער טויזנטער אַרבעטער, און די צאָל פון פאַרקריפּלטע דערגרייכט יערלעך אין די מיליאָנען.

קיין גענויע ציפערן וועגן אַט די אומגליקספאַלן זיינען ניטאָ. אין אייניגע שטאַטן ווערן די באַריכטן וועגן אומגליקספאַלן פאַרעפנטלעכט מיט אַ פאַרשפּעטיגונג אויף צוויי, דריי יאָר; אין אייניגע שטאַטן ווערן פאַרעפנטלעכט פאַקטן און ציפערן בלויז וועגן די אומגליקספאַלן, וואָס פאַראורזאַכן אַ פאַרלוסט פון אַרבעט אויף מער ווי אַ וואָך, אָדער צוויי וואָכן צייט; אין אייניגע שטאַטן ווידער ווערן די אומגליקספאַלן פאַרעפנטלעכט אָן אַ דאַטום און מ׳קאָן דערפאַר ניט באַשטימען ווי גרויס עס איז געווען דער פאַרלוסט פון אַרבעטס־צייט, וואָס איז דורך דעם אומגליקספאַל פאַראורזאַכט געוואָרן.

עס איז קלאָר, אַז אַט די כאַאָטישקייט איז ניט קיין צופעליגע, נאָר עס איז אַן אַבזיכטלעכער פּלאַן צו פאַרפּלאָנטערן די פראַגע, צו פאַרדעקן די גרויס פון דער אויסשלאַכטונג, וואָס גייט אָן אין די אינדוסטריען אין אַמעריקע.

ניט קוקנדיג אָבער אויף דער אָנטשלאָסנקייט צו באַהאַלטן די ווירקלעכע גרויס פון דער צאָל אומגליקספאַלן, זיינען דאָך דאָ אויטאָריטעטע אויסרעכענונגען, וואָס קאָנען אָנגענומען ווערן מער אַלס אַ קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג און ניט אַלס אַן איבערשאַצונג פון דער גרויס פון די אינדוסטריעלע קרבנות.

אַט וואָס עס זאָגט וועגן דעם אַן אויטאָריטעט*):

„אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן אין אַמעריקע קאָסטן אַפּ יערלעך צום ווייניגסטן 25,000 לעבנס. אַן ענלעכע צאָל ווערט יערלעך אויף שטענדיג פאַרקריפּלט. אַרום צוויי מיליאָן אַרבעטער ווערן יעדן יאָר מער־ווייניגער ערנסט צעקלאַפּט ביי דער אַרבעט".

די גרעסטע צאָל פון אָט די אומגליקספאַלן וואָלטן געקאָנט און וואָלטן געדאַרפט פאַרמידן ווערן. די גרעסטע ספּעציאַליסטן גיבן צו, אַז ווען עס זאָלן באַזאָרגט ווערן די נויטיגע שוץ־מיטלען, וואָלט די צאָל אומגליקספאַלן באַדייטנד פאַרקלענערט געוואָרן.

אָט איז איינער פון טויזנטער אַזעלכע פאַלן:

א געוויסע שטאָל־פאַבריק**) האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף פּראָדוצירן אייזערנע שטאַנגען. אין דער דאָזיגער פאַבריק האָט מען פּראַקטיצירט צו פירן מעטאַל אויף וועגעלעך, וואָס זיינען געשטופּט געוואָרן מיט די הענט. די דאָזיגע וועגעלעך האָבן אַנגעלאָדנערהייט געוואויגן אַזוי פיל ווי 15 טאָן, און זיי זיינען געלאָפן מיט זייער אייגענער וואָג באַרג־אַראָפּ פון דעם סקלאַד ביז צו די פראַכט־פּלאַטפאָרמען. גאַנץ אָפט האָט איין וועגעלע זיך אָנגעשטויסן אין אַ צווייטס מיט אַ שרעקלעכער קראַפט. עס פלעגט פּאַסירן, אַז עס זאָל אַריינגעכאַפּט ווערן און צע־שמעטערט אַ פינגער פון אַן אַרבעטער צווישן די שטאַנגען.

עס זיינען אַ סך מאָל אַריינגעטראָגן געוואָרן פאָדערונגען, אַז די קאָמפּאַניע זאָל אויף די וועגעלעך איינאָרדענען טאָר־מאָזן צו רעגולירן זייער שנעלקייט און צו קאָנען זיי אָפּשטעלן ווען נויטיג, נאָר די קאָמפּאַניע האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיג. אין אַ געוויסער נאַכט איז דער פאָרמאַן פון דעם סקלאַד ניט אַזוי שנעל אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט; ער איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן צווישן צוויי וועגעלעך און איז צעקוועטשט געוואָרן ווי מיט הונדערטער שפּיזן.

די מערסטע אומגליקספאַלן קומען פאָר אין די לעצטע שטונדן פון טאָג.

---

*) „וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן", דר. איי דאָהעני, קאָמפּענסיישאָן עקטשוערי פון דעם אינשורענס דעפּאַרטמענט פון פּענסילווייניאַ.

**) „איז איט סייף טו וואָירק", עדיסאָן באָוערס.

דאָס איז דערפאַר, ווייל צום סוף פון ארבעטס־טאָג איז דער ארבעטער שוין אזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער קאָן ניט זיין אַזוי פאָר־זיכטיג, ווי אין אָנהויב פון טאָג.

עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין די פאַבריקן און אין די מינען, וואו עס איז אָדער צו הייס, אָדער צו קאַלט, איז די צאָל אומגליקספאַלן גרעסער, ווי ווען עס ווערט שטענדיג באַזאָרגט אַ נאָרמאַלע, באַקוועמע טעמפּעראַטור. אויך אין פאַל פון ניט גענוג־נדער באַלייכטונג ווערט פאַרגרעסערט די צאָל פון אומגליקספאַלן.

עס איז דערפאַר קלאָר, אַז ווען געלט־גייציגקייט זאָל ניט שטיין אין וועג, ווען עס זאָל באַזאָרגט ווערן יעדער שוץ־מיטל, וואָס די טעכ־ניק האָט אויסגעפונען, ווען די לעבנס פון די ארבעטער זאָלן גע־האַלטן ווערן טייער, און ווען די באַלעבאַטים זאָלן טראָגן אַ פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר אַלע אומגליקספאַלן, וואָלט אַ גאָר־גאָר גרויסע טייל פון די אומגליקן פאַרמידן געוואָרן און אין ארבעטער־פאַמיליעס וואָלטן נעווען אַזוי פיל ווייניגער קאַליקעס, לײדן און געוויינען.

די אומגליקן אין די אינדוסטריען שטייגן פון יאָר צו יאָר

די אינדוסטריען אין אַמעריקע דערציילן אַ געשיכטע פון אַ שטײ־גענדיגער צאָל אומגליקספאַלן. מ'קאָן דאָס קלאָר זען פון די פאָלגנדיגע ביישפּילן*):

אויטאָמאָביל־אינדוסטריע:

דאָס יאָר 1929 פאַרגלייכט זיך מיט דעם יאָר 1928 לויט דער צאָל פון אומגליקספאַלן אויף יעדן מיליאָן שעה ארבעט אַזוי:

1928	1929
21,91	22,17

עלעקטרישע אייזנבאַנען:

1926	18,32
1927	23,87
1928	27,09
1929	29,75

*) „אינדאָסטריעל עקסידענט סטאַטיסטיקס“, אַרויסגעגעבן פון „נע־שאָנעל סייפטי קאָונסיל“, 1930.

פון 26,372 ארבעטער אויף די עלעקטרישע אייזנבאנען זיינען אין 1929 צעקאליעטשעט געוואָרן 2,334. דער פארלוסט פון ארבעטס־טעג אין אַט די אומגליקספאלן האָט דערגרייכט ביז 151,565.

שפייז־אינדוסטריע:

1927	19,90
1928	20,90
1929	21,07

מעטאל־אינדוסטריע:

1927	26,12
1928	26,74
1929	30,30

דער באריכט פון דעם „אמעריקען אינזשינירינג קאָונסיל" זאָגט אזוי:

„די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אומגליקספאלן איז אין דירעקטער פראָפּאָרציע צו דער פארגרעסערטער אינטענסיווקייט פון דער אַרבעט אין די אינדוסטריען".

דאָס באַשטעטיגט, אז דער משוגענער ספּיד־אַפּ קאָסט די ארבעטער זייער טייער און איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרעסטער צאָל אומגליקספאלן ביי דער אַרבעט.

די צאָל פון דער׳הרג׳עטע און צעקאַליעטשעטע קאָן זיך פארגלייכן מיט דער צאָל קרבנות אין גרויסע שלאַכטן, וואָס טרייסלען אויף די וועלט.

אָט איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פון אָט דעם צו־שטאַנד*):

„מלחמה ווערט באַטראַכט אַלס דער שרעקלעכסטער פאַק־טאָר פון פאַרניכטונג, נאָר דער שאָפּ איז פיל געפערלעכער פון דעם שלאַכט־פעלד.

זינט אַמעריקע איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיג לאַנד, זיינען 15 מאָל מער מענטשן דער׳הרג׳עט און צעקריפּלט געוואָרן אין די אינדוסטריען, ווי עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער.

---

*) „איז איט סייף טו וואָירק", עדיסאָן באָוערס.

עס ווערן דאָ אין לאַנד דער'הרג'עט פּראָפּאָרציאָנעל צוויי מאָל אזוי פיל מענטשן, ווי אין פראַנקרייך אָדער אין יאַפּאַן; מער ווי צוויי מאָל אזוי פיל ווי אין ענגלאַנד, און פיר מאָל אזוי פיל אין פאַרגלייך מיט דענמאַרק.

יעדע 15 מינוט פון טאָג און פון נאַכט ווערט אַן אַר־בעטער פאַרברענט אין צעשמאָלצענעם מעטאַל, ווערט פאַר־ברענט דורך עלעקטרישע דראָטן, ווערט אומגעבראַכט ווי אַ ראַץ אין אַ מיין־אויפרייס, אָדער קומט אום אַלס אַ רעזולטאַט פון וועלכן ניט איז אַנדער אומגליקספאַל ביי דער אַרבעט".

און אָט איז נאָך אַ שטוינענדיגער סך־הכל פון אָט דער אויס־שלאַכטונג*):

אין די קוילן־גרובן שטייען די אַרבעטער אין דער גרעסטער געפאַר. פון יאָר צו יאָר ווערט די צאָל אַרבעטער אין די קוילן־גרובן קלענער, נאָר די צאָל פון אומגליקספאַלן ווערט ניט נאָר ניט פאַרקלענערט, נאָר ווערט גאָר גרעסער פון יאָר צו יאָר.

דאָס ווערט זייער קלאָר אַרויסגעבראַכט פון די פאָלגנדיגע ציפערן:

יאָר	צאָל באַשעפטיגטע מיינערס	צאָל דער'הרג'טע
1921	823,000	1,995
1925	748,000	2,234
1928	628,000	2,176

אין דער צייט, ווען אין 1921 איז דער'הרג'עט געוואָרן איינער פון יעדע 421 באַשעפטיגטע מיינער, איז אין 1928 שוין דער'־הרג'עט געוואָרן איינער פון יעדע 300 באַשעפטיגטע מיינער.

די דאָזיגע קאָלאָסאַלע פאַרגרעסערונג פון דער אויסשלאַכטונג אין די קוילן־גרובן איז ניט קיין אויסנאַם, ווייל דאָס זעלבע קומט פאָר אויך אין אַנדערע אינדוסטריען.

אין דער בוי־אינדוסטריע ווערן יערלעך דער'הרג'עט העכער 10,000 אַרבעטער. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס איז 1930 איז אַרום אַ העלפט פון די אַרבעטער אין דער בוי־אינדוסטריע אַרומגעגאַנגען ליידיג, איז די צאָל פון אומגליקספאַלן אין דער דאָזיגער אינדוסטריע געוועזן גרעסער, ווי אין דעם פריערדיגן יאָר.

אין פענסילווייניע איז די צאָל פון אומגליקספאַלן אין דער

*) „ספּידינג אַפּ די וואָרקערס", דזשיימס באַרנעט.

בוי־אינדוסטריע געווען 20,493 אין דעם יאָר 1929, און שוין 20,709 אין דעם קריזיס־יאָר 1930.

אין אָהייאָ איז אין 1928 פאַרצייכנט געוואָרן אַ צאָל פון 29,026 אומגליקספאַלן אין דער בוי־אינדוסטריע. אין 1930 איז שוין פאַרצייכנט געוואָרן אַ צאָל פון 31,947 אומגליקספאַלן.

אין קאַליפאָרניע איז די צאָל פון אומגליקספאַלן אין דער בוי־אינדוסטריע געשטיגן פון 3,554 אין 1919 צו 17,000 אין 1929 — אַ פאַרגרעסערונג אין צען יאָר צייט אויף העכער 400 פּראָצענט.

אין ניו יאָרק אַליין ווערן דער׳הרג׳עט טויזנט אַרבעטער אין דער בוי־אינדוסטריע יערלעך*).

אַ כאַראַקטעריסטיש בילד, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם צושטאַנד אין גאַנץ אַמעריקע, שטעלן מיט זיך פאָר די אָפיציעלע רעגירונגס־ציפערן וועגן דער שטייגנדיגער צאָל פון אומגליקספאַלן אין פאַרשידענע שטאַטן.

מיר וועלן נעמען אַלס ביישפּיל דעם אינדוסטריעל ניט אַנטוויקלטן שטאַט נאָרט דאַקאָטאַ און מיר וועלן דערזען אַ ריזיגן וואוקס פון דער צאָל אומגליקספאַלן אין די אינדוסטריען:

יאָר	אומגליקס־פאַלן
1919	827
1920	1,296
1921	1,192
1922	1,654
1923	1,809
1924	2,110
1925	2,800
1926	3,188
1927	4,096
1929	5,773
1928	4,995

לויט דער אויסרעכענונג פון ה. וו. היינריך פון דער „טרעוועלערס אינשורענס קאָמפּאַני”, האָבן די אומגליקספאַלן אין די אַמעריקאַנער אינדוסטריען אין דעם איינעם יאָר 1930 אָפּגעקאָסט די ריזיגע סומע פון פינף ביליאָן דאָלאַר.

*) „דענדזשעראָוס דזשאָבס”, גרויס בוירנהעם.

אהער גייט אריין בלויז די סומע פון דירעקטע אויסגאַבן אויף מעדיציינישער הילף, אויף האָספּיטאַל־קאָסטן און דער פאַרלוסט פון לוין פאַר בלויז אַ קורצער צייט. די ריזיגע פאַרלוסטן, וואָס די אַרבעטער לײַדן דורך די אומגליקספּאַלן; די שווערע נויט, וואָס זיי און זייערע פאַמיליעס טראָגן איבער; די ריזיגע צאָל פון אַלמנות און יתומים, וואָס בלייבן איבער צו לײַדן אין לויף פון לאַנגע יאָרן — דאָס קאָן דאָך גאָר ניט געמאָסטן ווערן און ניט אָפּגעשאַצט ווערן.

יעדער איינציגער אומגליקספּאַל פאַראורזאַכט אַ ים מיט לײַדן, וואָס מ׳קאָן גאָר ניט באַשרייבן. די מיליאָנען אומגליקספאַלן און די צענדליגער טויזנטער טויטן־פאַלן ביי דער אַרבעט זיינען די שאַרפסטע אָנקלאַגע געגן אַן אָרדענונג, אין וועלכער פּראָפיטן זיינען טייערער פון מענטשישע לעבנס, וואו מען דערלאָזט, אַז טויזנטער זאָלן אומגעבראַכט ווערן, כדי צו שפּאָרן די סומען, מיט וועלכע מ׳וואָלט געקאָנט די דאָזיגע לעבנס ראַטעווען און די ימים לײַדן פאַרמײַדן.

געגן אָט דער שוצלאָזיגקייט מוזן די אַרבעטער, נאַטירלעך, פירן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף, נאָר זיי מוזן צוגלייך מיט דעם קאַמף פאַר מער זיכערקייט ביי דער אַרבעט אויסקעמפן פאַר זיך גענוגנ־דיגע קאָמפּענסאַציע פאַר יעדן אומגליקספּאַל.

וואָס גרעסער עס וועט זיין די קאָמפּענסאַציע, צו וועלכער אַן אַרבעטער און זיין פאַמיליע וועלן זיין באַרעכטיגט פאַר יעדן אומ־גליקספּאַל ביי דער אַרבעט, וואָס קאָסטבאַרער עס וועט זיין די פאַר־זיכערונג, וואָס די אינדוסטריען און די מלוכה וועלן דאַרפן באַזאָרגן פאַר די אַרבעטער, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט וועט געשיינקט ווערן דער אויפגאַבע צו באַשיצן די אַרבעטער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען און צו זוכן אויסמײַדן אומגליקספּאַלן אויף ווי ווייט מעגלעך.

די אַרבעטער מוזן אויסקעמפן פאַר זיך קאָמפּענסאַציע פאַר יעדן אומגליקספּאַל.

אין פיר שטאַטן אין אַמעריקע איז קיין קאָמפּענסאַציע אינגאַנצן ניטאָ (אַרקאַנסאַ, פלאָרידאַ, מיסיסיפּי און סאַוט קאַראָליינאַ). אין די שטאַטן, וואו עקסידענט־אינשורענס איז שוין כלומרשט יאָ דאָ, זיינען די פאַרם־אַרבעטער, אייזנבאַן־אַרבעטער און דינסטן אויסגע־שלאָסן, נאָר וועגן דעם, ווי עס אַרבעטן די עקזיסטירנדיגע קאָמפּענ־סאַציע געזעצן אין אַמעריקע — אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

קאפּיטל 3

קראַנקהייטן

צוגלייך מיט דעם, וואָס דער אַרבעטער מוז פירן אַן אַנטשלאָסע־נעם קאַמף פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג און פאַר קאָמפּענסאַציע פאַר אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט, מוז ער אויך פירן אַ קאַמף פאַר דעם, אַז ער זאָל באַזאָרגט ווערן מיט סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין פאַל פון קראַנקהייט. אַהער מוזן אַריינגיין אי די פאַלן פון קראַנק־הייטן, וואָס זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון געוויסע געפערלעכע באַשעפטיגונגען (בליי־פאַרגיפטונגען צווישן פיינטערס, צווישן דרוק־קער־אַרבעטער און נאָך און נאָך), אי קראַנקהייטן, וואָס זיינען ניט קיין דירעקטער רעזולטאַט פון דער באַשעפטיגונג, ווי אויך יעדער פאַל פון קראַנקהייט אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע.

ד אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן ניט פאַר זיך קיין אינשורענס אין פאַל פון קראַנקהייט, ניט רעכענענדיג די שטיצע, וואָס עס גיבן פאַרשידענע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע אַ קליינע טייל פון די אַרבעטער באַלאַנגט.

אַ קראַנקהייט אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע, ספּעציעל ווען די קראַנקהייט טרעפט דעם פאַרדינער, איז מאַטעריעל פאַר דער אַרבעטער־פאַמיליע דער שווערסטער קלאַפּ און איז אין אַלגעמיין פאַר דער פאַ־מיליע דער גרעסטער אומגליק, פון וועלכן זי ליידט אָפט אַ פיל לייג־נערע צייט, ווי די קראַנקהייט אַליין געדויערט. העכער 100,000 אַר־בעטער אין אַמעריקע זיינען קראַנק לייננער ווי אַ גאַנץ יאָר, 250,000 אַרבעטער קריינקען יערלעך לייגנער ווי 6 חדשים, דריי מיליאָן אַר־בעטער זיינען קראַנק לייגנער ווי אַ חודש צייט יעדעס יאָר.

בלויז אָט די דריי קאַטעגאָריעס פאַרצייכענען 24 מיליאָן וואָכן קראַנקהייט.

אין לויף פון אָט דער לאַנגער צייט פון דער קראַנקהייט פאַר־לירט דער אַרבעטער ניט נאָר זיין פאַרדינסט און מערסטנטייל אויך

זיין דזשאָב, נאָר ער דאַרף זיך אויך אויסדאַרן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו דעקן די גרויסע אויסגאַבן אויף מעדיצינישער הילף.

די מעדיצין אין אַמעריקע איז אַ פּריוואַטער מאָנאָפּאָל־ענין. אָנקומען צו אַ ספּעציאַליסט איז פאַר אַן אַרבעטער כמעט אוממעגלעך. אויסגאַבן אויף דאָקטוירים, אויף עקס־רעי בילדער, אויף נוירסעס און אויף מעדיקאַמענטן זיינען אַ זאַך, וואָס אַן אַרבעטער קאָן פון זיינע מאַגערע פאַרדינסטן ניט באַווייזן צו דעקן. דער אַרבעטער מוז אָנקומען צו דעם טשאַריטי־האָספּיטאַל. דאָרט מוז ער אויך איינ־צאָלן אַ מינימאַלע סומע. ער מוז פאַרלירן אַ טאָג אַרבעט יעדן מאָל, ווען ער מוז אָנקומען צום האָספּיטאַל. ווען ער ליידט פון אַ שווערער, פאַרצויגענער קראַנקהייט, וואָס פאָדערט, אַז ער זאָל ליגן אין אַ האָספּיטאַל, מוז ער זיך וואַלגערן אין איבערגעפּאַקטע פּאַלאַטעס, און די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער קריגט, איז מערסטנטיילס אַ סקאַנדאַליעזע.

„די אַרבעטער,*) וואָס מוזן אָנקומען צו די קליניקס, טראָגן איבער אומפאַרגעבלעכע דערנידערונגען מצד אַ גאַנצער כאָפּטע קליינע ביוראָקראַטלעך.

„אָפּעראַציעס ווערן אָפּט אָפּגעלייגט צוליב מאַנגל אין געלט ביז עס איז שוין צו שפּעט. רעדן וועגן דעם, אַז אַן אַר־בעטער זאָל באַזאָרגט ווערן מיט גענוגנדיגער אויפזיכט נאָך אַ קראַנקהייט, איז דאָך אוממעגלעך. אַ קראַנקהייט מיינט פאַר אַן אַרבעטער ליידן, פאַרקלענערטער ווידערשטאַנד אין דעם אינ־דוסטריעלן קאַמף, כראָנישע קראַנהייטן און פריציייטיגער טויט”.

צוליב דעם, וואָס די אַרבעטער מוזן זוכן ביליגערע מעדיצינישע הילף, פאַלן זיי גאָר אָפט אַריין אין די הענט פון פּשוט'ע שאַרלאַ־טאַנעס, וואָס האָבן ניט קיין מעגלעכקייטן צו אָפּערירן צווישן די רייכע קלאַסן, וועלכע קאָנען זיך פאַרגינען קורירט צו ווערן פון די פּראָמינענטסטע, באַרימטסטע ספּעציאַליסטן און פּראָפעסאָרן.

אין 16 לענדער איז איינגעפירט געוואָרן סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר פאַלן פון קראַנקהייט, נאָר וועגן דעם, ווי וועגן אַנדערע פאָרמען פון עקזיסטירנדיגע געזעצן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, באַזונדער.

אין אַמעריקע איז, ווי שוין פריער דערמאָנט, קיין פאַרזיכערונג פאַר קראַנקען־פאַלן ניטאָ. ווען אין 1914 איז אָנגעגאַנגען אַ שטיקל באַוועגונג פון רעפאָרמער פאַר זייער אַ מינימאַלער פאַרזיכערונג,

*) „סאָשעל אינשורענס” — גרייס מ. בוירנהעם.

האָבן די אינשורענס קאָמפּאַניעס און די דאָקטוירים מאָביליזירט אַלע זייערע כוחות צו נידערשלאָגן די דאָזיגע באַוועגונג. די רעפאָרמער האָבן אָפּגעלאָזט די הענט און פון דער באַוועגונג איז גאָר ניט געוואָרן, ווייל ניט רעפאָרמער וועלן אויסקעמפן פאַר די אַרבעטער פאַרזיכערונג. די אַרבעטער, ווען דער ענין גייט אין לעבן, מוזן אויפהויבן דעם קאַמף און אים ניט אויפגעבן ביז זיי וועלן פאַר זיך אויסקעמפן סאָציאַלע פאַרזיכערונג אויף דעם פאַל פון קראַנקהייט.

קאפיטל 4

עלטער און טויט-פאלן

דער ארבעטער שרעקט זיך פאר דער עלטער, וואס רוקט זיך אן אויף אים — געוויינלעך פריצייטיג — און וואס וועט אים ארויס־ווארפן אויף דער גאס. דער באלעבאס וויל האבן נייע, פלינקערע הענט — ער ווארפט ארויס די עלטערע ארבעטער און פארבייט זיי מיט יונגע ארבעטער.

אין די לעצטע יארן איז די עלטער־גרעניץ, ביז וועלכער אן ארבעטער האט נאך געקאנט האבן באשעפטיגונג, א רוק געטאן גע־ווארן באדייטענד אויף צוריק. אין דער צייט, ווען מיט יארן צוריק האט א 50־יאריגער און אפילו א 60־יאריגער ארבעטער נאך געקאנט האבן באשעפטיגונג, איז איצט 40 יאר געווארן כמעט די גרעניץ־עלטער, נאך וועלכער אן ארבעטער קאן שוין ניט קריגן קיין בע־שעפטיגונג.

אין דעם פאל פון די ניט־געשולטע ארבעטר לאזט זיך דאס פילן אם שטארקסטן, ווייל זיי מוזן אפטער בייטן די פלעצער, וואו זיי זיינען באשעפטיגט. ווען א ניט־געשולטער ארבעטער פון א יאר 40 קומט בעטן א דזשאב, און זייט ביי זייט מיט אים שטייט א צווייטער ניט־געשולטער ארבעטער, וועלכער איז אינגער, האט שוין דער על־טערער ארבעטער קיין האפענונג ניט אויף צו קריגן באשעפטיגונג.

אט וואס עס זאגט וועגן דעם וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר, א מענטש, וועלכן מ׳קאן ניט באשולדיגן אין א פארלאנג צו מאכן די קאפיטאליסטן א צו שלעכטן נאמען און צו פארשאפן זיי עגמת נפש מיט צופיל קריטיק:

„די פאליסי*) פון די קארפארייישאנס, וואס דיסקרימינירן געגן די ארבעטער, וואס האבן דערגרייכט אן עלטער פון 40—45

---

*) פון א רעדע ביי דעם 4טן נאציאנאלן צוזאמענפאר פון דער „אמע־ריקען אסאסיאיישאן פאר אלד עיידזש סעקיוריטי“, געהאלטן אין ניו יארק אין אפריל 1931.

יאָר, פאַרשאַרפט נאָך מער די פּראָבלעם פון פענסיעס פאַר אַלטע לייט און פון פאַרזיכערונג אויף די עלטערע יאָרן. די אויספאָר־שונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין איינציגע שטאַטן, ווייזן גאַנץ קלאָר, אַז עס ווערט אָנגעווענדט אַ דעפיניטיווע פּאָליסי מצד די קאָרפּאָרייש'אָנס ניט צו באַשעפטיגן קיין אַרבעטער, וואָס זיינען עלטער פון 45 יאָר. דאָס פאַרקירצט דעם לעבנס־פּעריאָד, ווען אַן אַרבעטער קאָן פאַרדינען. עס פאַרקלענערט אויך די מעגלעכקייט פאַר דעם אַרבעטער אָפּצושפּאָרן אויף די עלטערע יאָרן".

די צאָל פון אַרבעטער אין עלטער פון 45 ביז 65 יאָר איז אין די צען יאָר פון 1920 ביז 1930 געשטיגן פון דער גרויס פון 16 פּראָ־צענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג צו 17 און אַ האַלב פּראָצענט.

לויט דעם צענזוס פון 1870 איז בלויז 3 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג געווען אין עלטער פון 65 יאָר און העכער. אין 1890 איז אָט די גרופּע שוין באַשטאַנען פון 4 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין 1920 האָט די גרופּע שוין באַטראָפן 5 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג. אין 1930 האָט אָט די גרופּע שוין געציילט 6 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין די לעצטע יאָרן איז די דאָזיגע גרופּע נאָך מער פאַרגרעסערט געוואָרן — אַמעריקע ווערט עלטער.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז צוליב דעם וואוקס פון דער קאַטע־גאָריע פון עלטערע אַרבעטער וועט דער באַלעבאָס זיי מוזן באַשעפ־טיגן, ווייל ער וועט קיין אַנדערע ניט קריגן. דאָס איז ניט אַזוי. ווייל ער קאָן אויסקלייבן, ווייל עס איז דאָ אַ שטענדיגע אַרבעטלאָזיגקייט, קאָן ער די אַלטע לייט פאַרוואַנדלען אין שטענדיגע אַרבעטלאָזע און באַשעפטיגן בלויז יונגע אַרבעטער.

דאָ קומט אויך אַריין דער פאַקט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט זוכט וואָס מער אָנצוואווענדן די ביליגע אַרבעט פון קינדער.

די צאָל פון קינדער אין עלטער פון 14 ביז 15 יאָר, וואָס זיי־נען געווען געצוואונגען צו גיין אַרבעטן, איז לויט דעם באַריכט פון דער „פעדעראַל טשילדרענס ביוראָ" געווען אין 1929 אויף 5 פּראָ־צענט העכער, ווי אין 1928.

די אַלע קינדער זיינען געטריבן געוואָרן צו פאַרנעמען די פּלעצער פון עלטערע אַרבעטער, ווען די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַרויסגע־שליידערט אין גאַס.

אין ליכט פון דעם, אַז נאָך 40 יאָר איז שוין שווער צו קריגן אַרבעט, אין ליכט פון דעם, וואָס עס איז דאָ אַ שטענדיגע אַרבעט־

לאָזע אַרמיי, ווערט קלאָר, אַז די אַרמיי פון עלטערע אַרבעטער, פאַר־אורטיילטע צו אַרבעטלאָזיגקייט, וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

אויף וואָס־זשע קאָן די דאָזיגע אַרמיי זיך אָנשפאַרן? קיין אָפּ־געשפּאָרטע געלטער האָט די גרעסטע מאַיאָריטעט פון זיי ניט. די גרעסטע טייל פון אָט די אַרבעטער האָט אויך פאַמיליעס. מיט וואָס־זשע קאָנען זיי איבערקומען אַ טאָג?

די דאָזיגע אַרבעטער מוזן באַזאָרגט ווערן מיט „אָלד עיידזש פענשיאָנס". (מיט סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר דער עלטער).

די אַרבעטער מוזן קעמפן פאַר אָט דער פאָרמע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, כדי ניט געטריבן צו ווערן אויף דער עלטער אין הקדש אַריין, כדי ניט צו דאַרפן אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה, כדי ניט דעגראַדירט ווערן צו דעם צושטאַנד פון אַ בעטלער.

וויגרויס עס איז די צאָל פון די, וואָס נויטיגן זיך אין פענסיע

פון די פריערדיגע ציפערן איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז די גרופּע פון עלטערע לייט וואַקסט אַלץ מער, נאָר וויפיל פון אָט די מיליאָנען אַלטע לייט נויטיגן זיך אין פענסיעס, דאָס איז ניט אַזוי לייכט פעסטצושטעלן. מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף אַ השערה. באַזירנדיג זיך אויף דערפאַרונג פון קאַנאַדע, וואו עס איז איינגע־פירט געוואָרן אַ פעדעראַלער פענסיע־געזעץ, און וואו עס זיינען שוין געזאַמלט ציפערן וועגן דער לאַגע פון די אַלטע לייט, קאָן מען קומען צו אַ מער־וויינינגער ריכטיגער אָפּשאַצונג פון דער צאָל אַלטע לייט, וואָס נויטיגן זיך אין שטיצע אין אַמעריקע.

מיט אַ באַפעלקערונג פון 3,200,000 האָט די פּראָווינץ אָנטאַריאָ צום אָנהויב פון 1931 געהאַט 24,000 פענסיאָנערן*).

אויף דעם זעלבן באַזיס איז אין אַמעריקע מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 125,000,000 דאָ אַ מחנה פון אַרום 1,500,000 אַלטע לייט, וואָס נויטיגן זיך אין פענסיעס. אַהער גייען אַריין אַלטע פאַרמער, וואָס זיינען רואינירט געוואָרן און זיינען אויף דער עלטער געבליבן אָן אַ דאַך; אַהער גייט גרעסטנטיילס אַריין די אָרימע אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט ניט געקאָנט שפּאָרן קיין גראָשן, און וואָס איז אויף דער

---

*) פון דעם באַריכט פון דר. דייוויד דזש. מעריסאָן, טשערמאַן פון דער „אָלד עיידזש פענשאָן קאָמישאָן" פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אָפּגעגעבן ביים 4טן נאַצ. צוזאַמענפאָר פון דער „אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן פאָר אָלד עיידזש סעקיוריטי", געהאַלטן אין ניו יאָרק אין אַפּריל 1931.

עלטער געבליבן הילפלאָז, אַז כאָטש גיי וואַרף זיך אין וואַסער אַריין.

דער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע, פאַר די קרבנות פון אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט און פאַר עלטערע אַרבעטער מוז אַנטשלאָסן געפירט ווערן ביז די אַרבעטער וועלן אַרויס־רייסן פאַר זיך אַט די מינימאַלע באַשיצונג, וואָס די אַרבעטער האָבן ביז אַ געוויסער מאָס שוין אויסגעקעמפט פאַר זיך אין אַנדערע לענדער.

אין אַט דעם קאַמף מוז אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט ווערן די פאָ־דערונג פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר דער אַרבעטער־פאַמיליע, ביי וועלכער דער פאַרדינער איז געשטאָרבן.

דער דורכשניט פון שטערבלעכקייט צווישן די אַרבעטער איז גרעסער, ווי דער דורכשניט צווישן די אַנדערע טיילן פון דער באַ־פעלקערונג. נאָר, רעכענדיג אפילו לויט דעם אַלגעמיינעם דורכשניט פון 12 טויטן־פאַלן אויף יעדן 1000 מענטשן, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז פון די דריי און דרייסיג מיליאָן אַרבעטער שטאַרבן יערלעך נאָענט צו 400,000. העכער אַ העלפט פון אַט דער צאָל לאָזט איבער פאַ־מיליעס. דאָס מיינט, אַז יערלעך בלייבן איבער אַרום 200,000 פאַר'־יתום'טע אַרבעטער־פאַמיליעס. די מייסטע פון זיי בלייבן פולשטענ־דיג אומבאַשיצט און אומבאַהאָלפן.

טויזנטער, ריכטיגער מיליאָנען אַרבעטער, רייסן פון זיך די הויט און צאָלן לאַנגע יאָר פאַר „אינשורענס", כדי צו באַוואָרענען די פאַ־מיליע מיט עטלעכע דאָלער נאָך דעם טויט.

אַ גאָר גרויסע טייל פון אַט די אַרבעטער מוזן אויפגעבן זייערע פאָליסים, פאַרלירנדיג כמעט אַלץ, וואָס זיי האָבן געצאָלט. אין 1930 איז העכער 10 ביליאָן דאָלאַר אינשורענס — אַרום 10 פּראָצענט פון דעם גאַנצן באַטרעף פון אינשורענס אין לאַנד — בטול געוואָרן אין אַמעריקע, ווייל די אינשורטע האָבן ניט געקאָנט נאָכקומען די צאָלונגען. נאָר אפילו די, וואָס באַווייזן שוין אָנצוהאַלטן זייערע פאָ־ליסים, לאָזן נאָך זיך, געוויינלעך, איבער אַזאַ נישטיגע סומע, אַז עס קלעקט קוים אויף די לויה־הוצאות.

די אַרבעטער, וואָס זיינען מיטגלידער פון פראַטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס, טראָגן אויך, מערסטנטיילס, אַ קליינע סומע אינשורענס פון בלויז עטלעכע הונדערט דאָלאַר.

עס איז אפשר גוט אַלס אַ שטיקל הילף אין די ערשטע פאָר חדשים נאָך דעם טויט פון דעם פאַרדינער, אָבער קיין שוץ אויף אַ לאַנגער צייט פאַר דער פאַר'יתום'טער פאַמיליע איז דאָס זיכער ניט.

קאַפּיטל 5

פאַרזיכערונג, וואָס פאַרזיכערט ניט

אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד איז די געזעצגעבונג אַ קלאַסן־געזעצגעבונג אין די אינטערעסן פון דעם הערשנדיגן קלאַס. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעצגעבער ווילן ניט קיינע געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, נאָר אפילו דאָרט, וואו זיי זיינען פאַר דער צוויטער אָדער אַ צוויטער אורזאַכע געצוואונגען דורכ־פירן עפּעס אַ געזעץ פאַר אַ שטיקל שוץ פאַר די אַרבעטער, באַזאָרגן זיי שוין, אַז עס זאָלן זיין אַזוי פיל דריידלעך און אויסטייטשונגען, אַז פון דעם געזעץ זאָל בלייבן בלויז אַ שאָטן.

קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע איז אין אַמע־ריקע אינגאַנצן ניטאָ. עס זיינען דאָ 79 פּריוואַטע „פאַרזיכערונגס־פּלענער“. די דאָזיגע „פּלענער“ זיינען איינגעטיילט אַזוי:

קאָמפּאַניע פאָנדן — — — — — — — — — 15
קאָמפּאַניע און אַרבעטער בשותפות — — — — 16
יוניאָן פאָנדן — — — — — — — — — — — — 48

לאָמיר באַטראַכטן די כאַראַקטעריסטישסטע פון זיי*).

ס. סי. דזשאָנסאָן ענד סאָן אין ראַסין, וויסקאָנסין

דער פאָנד עקזיסטירט זינט 1922, פאַר די ערשטע 100 טעג פון אַרבעטלאָזיגקייט, קריגט מען פון 1 ביז 4 דאָלאַר אַ טאָג, אָפּהענגיג פון דעם, וויפיל מ'האָט פריער פאַרדינט. פאַר די צווייטע 100 טעג קריגט מען פון פופציג סענט ביז 2 דאָלאַר אַ טאָג.

דערנאָך איז אויס אינשורענס.

---

*) „אָנעמפּלאָימענט בענעפיט פּלענס אין די יונייטעד סטייטס ענד אָנעמפּליאַד אינשורענס אין פאָרעין קאָנטריס“, יונייטעד סטייטס דעפּאַרט־מענט אָוו לייבאָר, בולעטין נומער 544, יולי 1931.

דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני, סקענעקטעדי, ניו יאָרק

די אַרבעטער מוזן צוטראָגן 1 פּראָצענט פון זייערע וויידזשעס. דער מאַקסימום וועכנטלעכע צאָלונגען צו די אינשורטע איז 15 דאָ־לאַר. אין אָנהויב האָבן די צאָלונגען צו אַן אַרבעטלאָזן געזאָלט זיין 20 דאָלאַר א וואָך, נאָר דערנאָך זיינען די צאָלונגען פאַרקלענערט געוואָרן.

„ראָקלאַנד פינישינג קאָמפּאַני“, גאַרנעוויל, ניו יאָרק

דער פאָנד איז עטאַבלירט געוואָרן אין יאַנואַר 1920. אין לויף פון דעם קריזיס פון 1921 איז דער פאָנד אויסגעשעפּט געוואָרן. אַרום 1923 איז שוין אין קאַסע ניט געווען קיין סענט און מער האָט מען שוין דעם פּלאַן ניט אויפגעלעבט צוריק.

ניט נאָר זיינען די דאָזיגע פּלענער נישטיג און זייער הילף אומ־באַדייטנד, נאָר זיי האַלטן זיך אויף הינערשע פיס און פאַלן ביים ערשטן בלאָז פון א קריזיס־ווינטל.

די פּלענער, אין וועלכע עס באַטייליגן זיך די קאָמפּאַניעס בשותפות מיט די יוניאָנס

9 פון די 16 פּלענער זיינען איינגעפירט געוואָרן אין דער קליי־דער־אינדוסטריע. לאָמיר באַטראַכטן א פּאָר מוסטערן פון אָט דעם „גליק“ פאַר אַרבעטער: —

לויט די באַדינגונגען פון דעם שיקאַגער אָפּמאַך דאַרפן די באַ־לעבאַטים צוטראָגן 3 פּראָצענט פון דעם באַטראַף פון דעם “פּעי־ראָל“, און די אַרבעטער דאַרפן צוטראָגן איינס און א האַלב פּראָצענט.

דער מאַקסימום בענעפיט איז 15 דאָלאַר א וואָך און ניט מער ווי פאַר 7 וואָכן אין א יאָר.

דערנאָך כאָטש לייג די ציין אויף א פּאָליצע.

רעדן וועגן דעם, אַז דאָס איז באמת הילף, איז פשוט שאַרלאַ־טאַנסטווע.

די אַנדערע פאָנדן פון דער קאַטעגאָריע זיינען פון דעם זעלבן ווערט.

יוניאָן־פאָנדן פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג

„די דייטש־אַמעריקאַנישע טיפּאָגראַפיאַ“, דאָס איז א יוניאָן פון דייטשע זעצער, וואָס ציילט א מיטגלידערשאַפט פון 541, פון וועלכע 120 קריגן פּענסיע.

די גאַנצע „אינשורענס" באַטרעפט 5 דאָלאַר א וואָך פאַר 16 וואָכן צייט.

וויפיל מיטינגען מ'האָט געהאַלטן, וויפיל רעזאָלוציעס מ'האָט געדראָפט אָננעמען, וויפיל מ'האָט דעם קאָפּ פאַרטומלט אויף צו באַזאָרגן אַן ארבעטלאָזן מיט דער פרינצלעכער סומע פון 80 דאָלאַר א יאָר — ארום 22 סענט א טאָג.

די בוך־בינדער

אין דריי לאָקאַלן פון דער יוניאָן פון די בוך־בינדער עקזיסטירן ארבעטלאָזע פאָנדן. די בענעפיטן זיינען פון 5,50 ביז 15 דאָלאַר א וואָך אין לויף פון 8 ביז 13 וואָכן אין א יאָר צייט.

פאַר אָט דער „הילף" דאַרפן די ארבעטנדע צאָלן פון 3 ביז 4 דאָלאַר א חודש.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער איצטיגער קריזיס האָבן פינף אַזעלכע יוניאָן־פאָנדן שוין אויסגעהויכט זייער כשר'ע נשמה.

אָט די אַלע פּריוואַטע פאָנדן זיינען ניט מער ווי א טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט דער ריזיגער נויט, וואָס עס שאַפט די אַר־בעטלאָזיגקייט. די אַלע „סקימס" רירן אָן ניט מער ווי א 100,000 ארבעטער. די אַלע פאָנדן האָבן ניט קיין אַנדער אַבזיכט, ווי צו נאַרן די ארבעטער און זיי אָפּהאַלטן פון קאַמף פאַר אמת'דיגער פאַרזי־כערונג.

פונקט ווי די פאַזע פון גרינדן ארבעטער־באַנקן און אייגענע ארבעטער לייף־אינשורענס איז פאַרפירעריש און אן אומגליק פאַר די ארבעטער, אַזוי איז אויך פאַרפירעריש די סיסטעם פון פּריוואַטע פאָנדן פון ארבעטלאָזער־פאַרזיכערונג.

פאַר די קאַפּיטאַליסטן איז ווי אָנגעמאָסטן, אַז עס זאָלן זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס אָט אַזעלכע צעברעקלטע, נישטיגע פּלע־נער, ווייל דורך דעם וועט זיך איינגעבן אָפּהאַלטן די ארבעטער פון קאַמף פאַר אַן אַלגעמיינעם געניגנדן פאָנד פון אבליגאַטארישער אַר־בעטלאָזער־פאַרזיכערונג אויף דעם חשבון פון דער מלוכה.

ווי שוין פריער אָנגעוויזן, באַרירן אָט די „פּלענער" ניט מער ווי ארום 100,000 ארבעטער, אָדער ארום איינס פּראָצענט פון אַלע ארבעטלאָזע.

וואָס שנעלער די ארבעטער וועלן אָנהויבן צו פאַרשטיין אַז אַזאַ סאָרט פאַרזיכערונג פאַרזיכערט ניט, נאָר פאַרפירט, אַלץ בעסער וועט

א טייל פון די יוניאָן־פאָנדן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין 1931:

יוניאָן	ווען „פּלאַן" איז געגרינדעט געוואָרן	מיטגלידערשאַפט	מאַקסימום וועכנטלעכע צאָלונג	פאַר וויפיל וואָכן א יאָר	דער מאַקסימום, וואָס אַן אַרבעטער דאַרף בייטראָגן צום פאָנד
עלעקטראָטיי־פערס־לאָקאַל 3 שיקאַגאָ לאָק. 72 פי־לאַדעלפיע	1920	792	30 דאָל.	צאָל ניט באַגרענצט	2 פּראָצענט פון לוין
דימענטן־שלייפער	1912	1070	9 דאָל.	16וואָכן	50 סענט א וואָך
פּאָטאָ־ענ־גרייווערס אין באָסטאָן	1922	321	20 דאָל.	26 וואָכן	1 דאָלאַר א וואָך
„ קליוולאַנד	1923	243	35 דאָל.	20 וואָכן	2 דאָלאַר
„ באַלטימאָר	1929	102	15 דאָל.	ניט באַ־שטימט	2 דאָלאַר און א דריטל פון „אָווער־טיים"
בעקער־אַר־בעטער סט. לואיס	1802	1,200	7 דאָל.	15 וואָכן	40 סענט א חודש
שניצער באָסטאָן	1910	2117	12 דאָל.	12 וואָכן	1 פּראָצענט פון פאַר־דינסט

זיין פאַר זיי, און אַלץ בעסער וועלן זיי קאָנען פירן דעם קאַמף פאַר אמת'דיגער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר אַלע אַרבעטלאָזע.

די דאָזיגע „פאַרזיכערונג" איז אויך אַ קוואַל פון קאָרופּציע און פון גרעפט און אַ גאָר גוט קרעמל פאַר יוניאָן־ביוראָקראַטן. עס זייַנען גוט באַקאַנט די געשיכטעס וועגן דעם, ווי אַזוי די פאַררעטער האָבן אין די לעצטע יאָרן אויסגעטרייבערט די קאַסעס פון עטלעכע אַזעלכע פאָנדן, וואָס האָבן אין איינציגע יוניאָנס עקזיסטירט.

ניט פון אַזאַ סאָרט פאַרזיכערונג וועלן די אַרבעטלאָזע קאָנען קריגן אַ שטיקל ברויט.

פאַר אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט זייַנען שוין יאָ בלומרשט דאָ געזעצן פאַר קאָמפּענסאַציע — מיט דער אויסנאַם פון 4 שטאַטן, וואָס האָבן ניט קיינע געזעצן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג — זייַנען אָבער די אַלע געזעצן, אויף די דעטאַלן פון וועלכע מיר וועלן זיך אָפּ־שטעלן אין נעקסטן קאַפּיטל, אַבזיכטלעך זייער צעדרייט, שלעכט פאָרמולירט און ניט געענוגנד. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס די „פאַרזיכערונג איז מערסטנטייטלס אַ נישטיגע, בלויז אַ צייטווייליגע און ניט פאַר אַלע אומגליקספאַלן, זייַנען אויך דאָ טויזנטער מעגלעכ־קייטן אויף אָפּצונאַרן די געליטענע און זייערע פאַמיליעס און, אָדער אינגאַנצן ניט צו צאָלן קיין קאָמפּענסאַציע, אָדער זיך אויסקויפן מיט אַ קליינער טייל פון דער סומע, וואָס וואָלט באַדאַרפט געצאָלט ווערן.

„פאַרדאָרבענע באַאַמטע האָבן פאַר זיך אַ לייכטע אויפגאַבע אָפּ־צונאַרן פרעמד־שפּראַכיגע אַרבעטער און זייערע אַלמנות"*).

געוויינטלעך ווערן די פאַרצויגענע פאַרהערן און די אָפּטע מע־דיצינישע אונטערזוכונגען פון די אַרבעטער, וואָס זייַנען צעקאַליע־טשעט געוואָרן, פאַרוואַנדלט אין אַן אמת'ער אינקוויזיציע פאַר די גע־ליטענע. אָפּט קומט אויס אַ פאַמיליע פון אַן אַרבעטער, וואָס איז אומגעקומען ביי דער אַרבעט, וואַרטן לאַנגע יאָרן ביז מ'קריגט אַרויס די פאַר אָרימע דאַלער קאָמפּענסאַציע. אָפּט קומט אויס דער פאַ־מיליע פון אַן אַרבעטער, מיט וועלכן עס האָט געטראָפן אַן אומגליק ביי דער אַרבעט, אָפּצוצאָלן אַ לאָיער די גרעסטע טייל פון דער סומע, וואָס מ'קריגט אַלס קאָמפּענסאַציע.

ס'איז מעגלעך אָנצופילן גאַנצע ביכער מיט די פאַקטן וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווערן געמאַכט פאַרזוכן ניט צו צאָלן קיין קאָמפּענסאַ־

*) „וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן", אי דאָהעני.

ציעס אפילו דאָרט, וואו עס זיינען שוין יאָ דאָ געזעצן, וואָס פאָר־דערן, אַז קאָמפּענסאַציע זאָל געצאָלט ווערן. מיר וועלן דאָ אויסרע־כענען בלויז אייניגע ביישפּילן פון די דריידלעך און תירוצים, וואָס ווערן אָנגעווענדט אויף אָפּצונאַרן די אַרבעטער, וואָס האָבן געליטן פון אַן אומגליקספאַל, כדי זיי ניט צאָלן קיין קאָמפּענסאַציע פאַר זייערע וואונדן און פאַר זייער פאַרלוסט פון לוין.

די פאָלגנדיגע פאַקטן זיינען בלויז ווי אַ טראָפּן אין ים אין דער גרויסער צאָל פון ענלעכע פּראָצעסן און אַנטשיידונגען:

1. דעם 1טן נאָוועמבער, 1929, איז אויף אַ סטאָליער ביי אַ בריק, וואָס האָט זיך געבויט לעבן באָפאַלאָ, געפאַלן אַ קלאָץ פון אַ הויך פון 95 פוס. ער איז אָפּגעלעגן אין האָספּיטאַלן אַ שטיק צייט. איצט קאָן ער מער ניט טאָן זיין אַרבעט. עס שווינדלט אים אָפט אין קאָפּ. טאָמער אַרבעט ער יאָ אַמאָל עטלעכע טעג, פאַרדינט ער בלויז אַ העלפט פון דעם, וואָס ער פלעגט פריער פאַרדינען.

דער אַרבעטער האָט אַריינגעגעבן אַ פאָדערונג צו קריגן קאָמ־פּענסאַציע לויט דעם געזעץ פון דעם סטייט ניו יאָרק. עס איז אַוועק אַ צייט פון 9 חדשים איידער עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרהער. צום פאַרהער איז דער פאַרטרעטער פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע ניט געקומען. די קאָמפּאַניע האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ טעכניש דריידל. דער פאַרקריפּלטער אַרבעטער איז געבליבן אָן וועלכער ניט איז שטיצע.

2. אַ פּיינטער איז אַראָפּגעפאַלן*) פון אַ רעשטאָוואַניע אין לינדן, ניו דזשוירזי. ער איז שרעקלעך צעקלאַפּט געוואָרן. זעקס טעג נאָך דעם אומגליקספאַל איז ער געשטאָרבן. דריי דאָקטוירים פון עליזאַבעט, ניו דזשוירזי, האָבן אַרויסגעגעבן אַ צייגעניש, אַז ער איז געשטאָרבן אַלס רעזולטאַט פון דעם אומגליקספאַל ביי דער אַרבעט. די אינשורענס קאָמפּאַניע האָט זיך אַרויסגעדרייט פון צאָלן. די אַלמנה האָט אפילו ניט געקאָנט אַרויסקריגן די 60 דאָלער, וואָס זי האָט באַצאָלט די דאָקטוירים.

די קאָמפּאַניע האָט אָנגעגעבן אַ תירוץ, אַז איר אַגענט, וואָס האָט געקראָגן פון דעם באָס די צאָלונגען פאַר דער פאַרזיכערונג, האָט דאָס געלט ניט אַריינגעטראָגן, און די פּאָליסי איז דערפאַר בטל געוואָרן.

---

*) „וואָרקערס העלט ביוראָ אָוו אַמעריקע“.

באַטש עס איז דאָ אַ געזעץ צו „באַזאָרגן אַן ארבעטער אין פאַל פון אַן אומגליק ביי דער ארבעט מיט קאָמפּענסאַציע", איז פונדעסט־וועגן די פאַמיליע פון אַן ארבעטער, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין לעבן ביי דער ארבעט, געבליבן ווי אויפ'ן וואַסער.

3. אַ טראָק־דרייווער איז צוגעפאָרן מיט מאַטעריאַל צו אַ גע־ביידע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין בויען. עס איז איינגעפאַלן אַ וואַנט. אויף דעם טראָק־דרייווער איז געפאַלן אַ באַרג מיט ציגל. מ'האָט דעם פאַרוואונדעטן צוגענומען אין האָספּיטאַל, וואו ער איז אָפּגעלעגן דריי וואָכן צייט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זיין נאָז און זיינע באַקן־ביינער זיינען צעשמעטערט; אַלע ציין זיינען ביי אים אויסגעהאַקט געוואָרן און ביידע אויגן זיינען שטאַרק באַשע־דיגט געוואָרן. דער ארבעטער איז פאַרבליבן מיט שרעקלעכע צייכנס אויפ'ן פּנים, מיט אַן איינגעפּלאַטשקעטער נאָז און כמעט אַ בלינדער.

דריי און אַ האַלב יאָר צייט האָט די אינשורענס קאָמפּאַניע גע־פירט אַ קאַמף אין די געריכטן ניט צו צאָלן דעם ארבעטער קיין קאָמפּענסאַציע. אין לויף פון אָט דער צייט האָט דער ארבעטער געדאַרפט דורכגיין 15 מעדיצינישע אונטערזוכונגען (פאַר וועלכע ער האָט געמוזט אַליין צאָלן) און בייוואוינען 22 פאַרהערן. ער האָט אויך געמוזט אָנשטעלן אַ לאָיער. ענדלעך, ווען ער האָט די קעיס געוואונען, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז נאָך דעם, ווי ער האָט באַצאָלט דעם לאָיער און האָט אראָפּגערעכנט אַלץ, וואָס אים האָט אָפּגעקאָסט, האָט ער אפילו קיין פּעני ניט געקראָגן פאַר זיינע וואונדן און פאַר דעם, וואָס ער קאָן מער ניט פאַרדינען ווי פריער.

4. אַן ארבעטער איז אראָפּגעפאַלן פון אַ רעשטאָוואַניע. ער האָט פאַרלאָרן 27 וואָכן ארבעט; ער איז פאַרבליבן מיט אַ שניט פון דריי אינטשעס אויף זיין געזיכט און מיט אַ טיפן שניט אויף דעם האַלז. צוליב דעם אומגליקספאַל קאָן ער מער ניט ארבעטן ביי קיין באַשעפטיגונג, וואָס פאָדערט מ'זאָל זיך איינבויגן. אָנשטאָט דעם, וואָס ער האָט פריער געקראָגן 45 דאָלער אַ וואָך, מוז ער איצט אַר־בעטן פאַר 25 דאָלער אַ וואָך. אין לויף פון די 27 וואָכן פון זיין קראַנקהייט האָט דער דאָזיגער ארבעטער פאַרלאָרן 1,215 דאָלער וויי־זשעס.

וואָס איז אָבער געוועזן די קאָמפּענסאַציע, וואָס עס האָט גע־קראָגן אָט דער ארבעטער, וועמען מ'האָט באַזאָרגט מיט „אינשורענס"?

מיט דער הילף פון אַ לאָיער האָט ער געקראָגן די סומע פון 523 דאָלער. דאָס איז אויף צו דעקן זיין פאַרלוסט פון 1,215 דאָלער

אין לויַן און דעם פּערמאַנענטן פּאַרלוסט פון 45 פּראָצענט אין זיין פאַרדינסט־מעגלעכקייט.

דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז, אַז אַט די גאַנצע „אינשורענס" איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל צו פאַררעדן די אַרבעטער די ציין?

דאָרט, וואו די פאַרזיכערונג ווערט געצאָלט פון דעם סטייט און ניט פון קיין פּריוואַטער אינשורענס קאָמפּאַניע, איז די זאַך ניט פיל בעסער. דער פאָלגנדיגער פאַל רעדט פאַר זיך אַליין:

5. אַ 65־יאָריגער פּיינטער איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אַטאַקע פון בליי־פאַרגיפטונג. דער דאָזיגער פּיינטער איז געווען באַשעפטיגט ביי אָפּרייבן פאַרב מיט דער הילף פון זאַמד־פּאַפּיר. לויט דעם ניו יאָרקער געזעץ דאַרף מען אין לויף פון 30 טעג אַריינגעבן אַ קלאַגע וועגן אַ קראַנקהייט, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון אַ באַשטימטער באַשעפטיגונג. אין דעם געגעבענעם פאַל און אין אַ סך אַנדערע ענטלעכע פאַלן קאָן ניט נאָר אַן אַרבעטער ניט דערקלערן וואָס מיט אים איז, נאָר עס נעמט אפילו דאָקטוירים־ספּע־ציאַליסטן אַ לאַנגע צייט צו באַשטימען דעם כאַראַקטער און די אור־זאַכע פון דער קראַנקהייט.

אין דעם פאַל, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, האָט מען ערשט אין פינף חדשים אַרום נאָך דער אַטאַקע פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון בליי־פאַרגיפטונג. דאָקטאָר א. האַמילטאָן פון דער האַרוואַרד מעדיקאַל סקול האָט געשריבן, אַז „אַ סך פאַלן פון כראָ־נישער בליי־פאַרגיפטונג דויערן מער ווי אַ יאָר, ביז עס ווערט פעסט־געשטעלט דער גענויער כאַראַקטער פון דער קראַנקהייט".

דער אַרבעטער האָט אָבער פאַרלאָרן זיין רעכט צו פאָדערן קאָמ־פּענסאַציע, ווייל... „ער האָט ניט אַריינגעגעבן זיין פאָדערונג אין לויף פון 30 טעג".

6. אין ניו דזשוירזי איז אַ פּיינטער, 49 יאָר אַלט, קראַנק גע־וואָרן פון בליי־פאַרגיפטיגונג. ער איז געווען באַשעפטיגט ביי זיין פאַך 23 יאָר צייט און דער סם האָט זיך אַריינגעגעסן אין זיין בלוט. מ'האָט אים צוגענומען אין אַ האָספּיטאַל, וואו ער איז אין קאָנוואַול־סיעס געשטאָרבן. עס איז געבליבן אַן אַלמנה מיט פינף פּיצלעך קינדער. דריי טעג פאַר דעם טויט פון דעם דאָזיגן אַרבעטער איז אַריינ־געגעבן געוואָרן אַ פאָדערונג פאַר קאָמפּענסאַציע.

די אינשורענס קאָמפּאַניע האָט געענטפערט, אַז פאַר איר איז ניט גענוגנד די באַשטעטיגונג און דער רעקאָרד פון האָספּיטאַל, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער דאָזיגער אַרבעטער איז געשטאָרבן פון בליי־

פאַרגיפטונג. די קאָמפּאַניע האָט געפאָדערט „וויטערדיגע באַ־ווייזן“.

וואָס האָט די אָרימע, הילפלאָזע אַלמנה געקאָנט טאָן? מ'האָט איר געראַטן אָנצושטעלן אַ גרויסן לאָיער, אויסגראָבן דעם טויטן קערפּער פון איר מאַן און אים לאָזן פאָלמעסן צו באַווייזן, אַז אין זיין קערפּער איז געווען דער בליי־סם. די אָרימע, הונגעריגע פרוי האָט ניט געקאָנט פאָלגן די אַלע עצות. די פאַמיליע פון דעם אומגעקומענעם אַרבעטער האָט טאַקע ניט געקראָגן קיין סענט.

כאַראַקטעריסטיש זיינען די דריידלעך, וואָס ווערן אָנגעווענדעט אויף זיך אויסדרייען פון צאָלן קאָמפּענסאַציע דאָרט, וואו עס קאָן, דאַכט זיך, גאָר ניט זיין קיין צווייפל, אַז דעם אַרבעטער'ס פאַמיליע מוז קריגן פאַרגיטיגונג פאַר דעם טויט פון דעם ברויט־געבער.

אָט זיינען עטלעכע פאַלן:

7. סטיפן קאָרינאַ*) איז געווען באַשעפטיגט אַלס טימסטער ביי דער דזשיימס דע באַרביערי קוילן־קאָמפּאַני. דעם 26טן יולי 1926 איז ער אַנשלאָפן געוואָרן אויף זיין וואָגן, אַריבערפאָרנדיג אויף אַ פעררי צווישן ניו יאָרק און ניו דזשוירזי. ווען מ'האָט זיך דערנענ־טערט צום ברעג, האָט אַן אָנגעשטעלטער גענומען אים וועקן. די פערד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון דער פערי, דער טרייבער איז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך שטאַרק צעקלאַפּט. אַלס רעזולטאַט פון אָט די וואונדן איז ער באַלד געשטאָרבן.

די ניו דזשורזי סטייט אינדוסטריעל באָאַרד (די קאָמיטע, וואָס באַשטימט אין די ענינים פון קאָמפּענסאַציע פאַר אומגליקפאַלן) האָט באַשלאָסן, אַז די אַלמנה דאַרף קריגן קאָמפּענסאַציע.

דער באָס האָט אַפּעלירט געגן דער אַנטשיידונג. ביים פאַרהער האָט ער צוגעגעבן, אַז די טרייבערס ביי אים אַרבעטן זייער לאַנגע שטונדן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרניט דאַגעגן, אַז זיינער אַ טימסטער זאָל כאַפּן אַ דרעמל, ווען ער קומט אויף אַ פערי, נאָר „צאָלן פאַר דעם דרעמל וויל ער ניט“.

---

*) „וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן“ — אי. דאָתעני.

אין דעם געגעבענעם פאַל האָט גראַד פּאַסירט, אַז דער קאָורט אָוו אַפּילס האָט אומגעוואָרפן דעם באַשלוס פון אַפּעליִיט געריכט, נאָר דאָס אַליין, וואָס אַ געריכט האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַן אַנטשיידונג, וואָס איז געווען געבויט אויף אַ דריידל, אַז אַן אויסגעמאַטערטער אַרבעטער, וואָס שקלאַפט לאַנגע שטונדן, און וואָס איז איינגעשלאָפן, איז שוין מער ניט באַשעפטיגט ביי זיין אַרבעט און דערפאַר דאַרף זיין פאַמיליע ניט קריגן קיין קאָמפּענסאַציע, ווען ער איז אומגעקומען, דאָס אַליין איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם, ווי אַזעלכע פאַלן ווערן באַהאַנדלט.

כאָטש אין דעם געגעבענעם פאַל האָט די פאַמיליע פון דעם אומגעקומענעם געקראָגן אַ גינסטיגע אַנטשיידונג, האָט עס אָבער געדויערט פון דעם 26 יולי 1926 ביז דעם 14טן פעברואַר 1928, צו קריגן אָט די אַנטשיידונג. אין אַנדערע פאַלן גייט אַוועק נאָך מער צייט, איידער עס ווערט אַרויסגעגעבן אַן ענדגילטיגע אַנטשיידונג אין אַ קעיס.

8. עדוואַרד פּאַפּולאַרעס האָט געאַרבעט פאַר דער סעלף־שוואַב קאָמפּאַניע אין עלגין, אילינאָי. ער איז קראַנק געוואָרן פון אויפהויבן אַ פּעקל סאַטין, וואָס האָט געוואויגן 100 פונט. מ׳האָט אים געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף אַפּענדיסיטיס. באַלד האָט מען געמוזט מאַכן אַ צווייטע אָפּעראַציע, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן.

אַן אַרביטרייטאָר האָט באַשלאָסן, אַז דער פאַמיליע פון דעם אַרבעטער קומט ניט קיין קאָמפּענסאַציע. די אינדאָסטריעל קאָמישאָן פון אילינאָי האָט באַשטימט, אַז די פאַמיליע איז יאָ באַרעכטיגט צו קאָמפּענסאַציע. דער סופּרים קאָורט האָט דעם גינסטיגן באַשלוס אומגעוואָרפן אויף דעם גרונט, אַז די קאָמישאָן האָט אַרויסגעגעבן איר אַנטשיידונג „ניט רעכענענדיג זיך מיט די באַווייזן“.

פון דעם אויסגערעכנטן איז קלאָר, אַז די אַרבעטער דאַרפן ניט נאָר קעמפן פאַר אַ ברייטער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס זאָל באמת פאַרזיכערן, נאָר זיי דאַרפן אויך אויסקעמפן פאַר זיך דאָס רעכט אַליין צו פאַרוואַלטן מיט די פאָנדן, וואָס דאַרפן גיין פאַר קאָמפּענסאַציע. בלויז אַזוי און ניט אַנדערש וועלן די אַרבעטער זיך באַוואָרענען, אַז זיי זאָלן ניט באַשווינדלט ווערן און ניט בלייבן אָן קאָמפּענסאַציע אפילו דאָרט, וואו עס זיינען שוין כלומרשט דאָ פאַרזיכערונגס־געזעצן.

קאפּיטל 6

קאָמפּענסאַציע-געזעצן אין אַמעריקע

אַמעריקע איז דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט; אַמעריקע האָט אין די לעצטע 50 יאָר דורכגעמאַכט אַ ראַשיגע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג — אַמעריקע איז אָבער דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אויף דעם געביט פון איינפירן קאָמפּענסאַציע פאַר די קרבנות פון אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן. גראָד זיינען דאָ די אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט זייער גרויס און זיי שטייגן פון יאָר צו יאָר, ווי מיר האָבן אַרויסגעבראַכט אין דעם קאַפּיטל „די אויסשלאַכטונג פון די אַרבעטער“.

אין דער צייט, ווען אין די מערסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען שוין לאַנג געווען געזעצן צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט אַ געוויסער מאָס פון פאַרגיטיגונג פאַר צייטווייליגן אָדער פּערמאַנענטן פאַרלוסט פון אַרבעטס-מעגלעכקייט צוליב אַן אומגליקספאַל, האָט מען אין אַמעריקע פון דעם אפילו נאָך ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן.

דאָס דערקלערט זיך מיט אַ סך סיבות. פריער פון אַלץ און איבער אַלץ מיט דעם, וואָס אין אַמעריקע איז די אָפיציעלע יוניאָן-באַוועגונג אַוועק אויף דעם וועג פון פּשרה-פּאָליטיק מיט די באַלעבאַטים. די דאָזיגע באַוועגונג איז געוואָרן כמעט אויסשליסלעך דאָמינירט פון דער אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעט. די יוניאָן-פירער זיינען גאַנץ אָפט געווען אויך שותפים אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. די אינטערעסן פון די ברייטע מילאָנען האָרעפּאַשניקעס זיינען אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיגט, אָדער אָפּן פאַרראַטן געוואָרן. ווען יוניאָן-אַפּאַראַטן זיינען אויסגענוצט געוואָרן אויף צו דינען די קאַפּיטאַליסטן, אויף ניט צו דערלאָזן צו קיין סטרייקס, אויף אָפּצוהאַלטן אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געריסן אַריינצוטרעטן אין יוניאָנס, איז שוין קלאָר, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד איז קיין קאַמף פאַר שוץ-געזעצן פאַר די אַרבעטער ניט געווען.

עס האָט אויך געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל דער פאַקט, וואָס אַמעריקע האָט געהאַט מיליאָנען אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען אַהער בלויז אויף אַ צייט. זיי זיינען ניט געווען גרייט צו פירן קיין קאַמף פאַר סאָציאַלער געזעצגעבונג. אַז עס איז ניט געווען קיין קאַמף, איז אויך ניט געווען קיין סאָציאַלע־געזעצגעבונג, און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ספּעציעל אויף דעם געביט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון אַמעריקע צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט קאָמפּענסאַציע פאַר די אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט און מיט וועלכע ניט איז געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דערפאַר איז אַמעריקע געווען דאָס סאַמע לעצטע לאַנד אויף איינצופירן אַזעלכע געזעצן און ווען זיי זיינען שוין איינגעפירט געוואָרן, זיינען זיי נאָך אַלץ ווייט הינטער־שטעליג אין פאַרגלייך מיט די געזעצן פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו זיי זיינען אויך ניט דאָס, וואָס זיי דאַרפן זיין.

די כראָנאָלאָגיע פון דער איינפירונג אין פאַרשיידענע לענדער פון געזעצן פאַר קאָמפּענסאַציע צו די קרבנות פון אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן איז ווי פאָלגט:

געזעצן פאַר קאָמפּענסאַציע זיינען איינגעפירט געוואָרן אין

לאַנד		יאָר
דייטשלאַנד	אין	1884
עסטרייך־אונגאַרן		1887
נאָרוועגיע		1894
ענגלאַנד		1897
דענמאַרק		1898
איטאַליע		1898
פראַנקרייך		1898
שפּאַניע		1900
שוועדן		1901
רוסלאַנד		1903
בעלגיע		1903
די שווייץ		1911

ביז 1911 זיינען אין אַמעריקע קיינע קאָמפּענסאַציע־געזעצן ניט געווען. אָנהויבנדיג פון אָט דעם יאָר, זיינען אין לויף פון צען יאָר צייט איינגעפירט געוואָרן קאָמפּענסאַציע־געזעצן אין פאַרשיידענע שטאַטן אין דער פאָלגנדיגער אָרדנונג:

אין 1911

אין וואשינגטאָן,
קענזעס,
נעוואדאַ,
ניו דזשוירזי,
קאַליפאָרניע,

ניו העמפשייר,
וויסקאָנסין,
אהייאָ און
מאסאטשוזעטס.

אין 1912

אין מישיגען,
אריזאָנא.

ראָוד איילענד,

אין 1913

אין טעקסאס,
וועסט ווירדזשיניא,
מינעסאָטא,

נעבראסקא,
קאָנעטיקוט,
אָרעגאָן און
אייאָווא.

אין 1914

אין ניו יאָרק,

מערילענד און
לואיזיאנא.

אין 1915

אין וויאָמינג,
מאָנטאנא,
קאָלאָראדאָ,

אָקלאָהאמאָ,
מעין און
פענסילוויינא.

אין 1916

אין קענטאָקי.

אין 1917

אין ניו מעקסיקאָ,
סאוט דאקאָטא,
דעלאווער.

יוטא,
איידאא

אין 1918

אין ווירדזשיניא

אין 1919

אין נאָרט דאקאָטא,

טענעסי

אין 1920

אין דזשאָרדזשיא.

אַט די אַלע געזעצן נעמען ניט אַריין די אַנדערהאַלבן מיליאָן אייזנבאַן אַרבעטער, וועלכע ווערן געשטעלט אין אַ באַזונדער קאַטע־גאָריע צוליב דעם, וואָס זיי זיינען באַשעפטיגט אין „אינטערסטייט קאָמערס" (צווישנשטאַטלעכער האַנדל) און זיי באַלאַנגען ניט צו דער יוריסדיקציע פון קיין באַזונדער שטאַט.

אונטער די געזעצן גייען אויך ניט אַרונטער קיין דינסטן און אַגריקולטור־אַרבעטער.

די באַזונדערע געזעצן אין די פאַרשיידענע שטאַטן שטעלן מיט זיך פאָר, לויט זייערע פּונקטן, אַ מוסטער פון צופעליגקייט, פון געגנ־זעצלעכקייט און פון באַגרענעצונגען, וואָס מאַכן די קאָמפּענסאַציע זייער נישטיג.

אין אַריזאָנאַ, קאָלאָראַדאָ, קאָנעטיקוט, דעלאַווער, דזשאָרדזשיאַ, מאָנטאַנאַ, ניו העמפּשייר, ניו מעקסיקאָ, ראָוד איילאַנד, טענעסי, ווערמאָנט און ווירדזשיניאַ איז אַן אַרבעטער באַרעכטיגט אין פאַל פון אַ צייטווייליגן פאַרלוסט פון דער אַרבעטס־מעגלעכקייט דורך אַן אומגליקספאַל ביי דער אַרבעט צו קאָמפּענסאַציע אין באַטרעף פון 50 פּראָצענט פון זיין פריערדיגן פאַרדינסט.

אין אַלאַבאַמאַ, אייאָווא, קענזעס, לואיזיאַנאַ, מישיגען, נעוואַדאַ, פּענסילווייניאַ, טעקסאַס און יוטאַ איז אַן אַרבעטער באַרעכטיגט צו בלויז 60 פּראָצענט פון זיין פאַרדינסט.

אין קאַליפאָרניע, אילינאָי, קענטאָקי און אין וויסקאָנסין — צו בלויז 65 פּראָצענט.

אין מעין, מערילענד, מאַסאַטשוזעטס, מינעסאָטאַ, נעבראַסקאַ, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, נאָרט דאַקאָטאַ, אָהייאָ, אָקלאַהאָמאַ און וועסט ווירדזשיניאַ — 66 און צוויי דריטל פּראָצענט.

אין אַלאַבאַמאַ און אַריזאָנאַ איז קיין מינימום און קיין מאַקסי־מום ניט אָנגעוויזן.

אין קאָלאָראַדאָ, דזשאָרדזשיאַ, ניו מעקסיקאָ און פּענסילווייניאַ איז דער מאַקסימום פון וועכענטלעכער קאָמפּענסאַציע 12 דאָלאַר. אין וואַשינגטאָן און אין מאָנטאַנאַ — פון 12 דאָלאַר מיט פופציג סענט ביז אַ מאַקסימום פון 15 דאָלאַר אַ וואָך.

אין אינדיאַנאַ — 13 דאָלאַר אַ וואָך.

אין מישיגען — 14 דאָלאַר אַ וואָך.

אין אַלאַבאַמאַ, דעלאַווער, אייאָווא, קענזעס, נעבראַסקאַ, סאַוט דאַקאָטאַ, טענעסי, טעקסאַס און ווערמאָנט איז דער מאַקסימום 15 דאָלאַר אַ וואָך.

אין איידאהא, מעין, מאַסאַטשוזעטס, ראָוד איילאַנד, וועסט ווירדזשיניא און יוטא — 16 דאָלאַר אַ מאַקסימום.

אין אילינאָי און אין ניו דשוירזי — 17 דאָלאַר.

אין איין שטאַט צאָלט מען מער פאַר אַ פאַרלאָרענער האַנט און ווייניגער פאַר אַ פוס. אין אַ צווייטן שטאַט איז פונקט פאַרקערט — מער פאַר אַ פוס און ווייניגער פאַר אַ האַנט.

פאַרוואָס איז אַן אַרבעטערס לעבן ביליגער אין איין שטאַט, ווי אין אַ צווייטן? פאַרוואָס איז אין איין שטאַט אַ האַנט פון אַן אַרבעטער ביליגער, ווי אין אַ צווייטן? פאַרוואָס איז אין איין שטאַט אַן אויג ביליגער פון אַ האַנט און אין אַ צווייטן אַ האַנט ביליגער פון אַן אויג?

דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל די געזעצן זיינען געצילט אויף אויסצוקויפן די אינדוסטריען מיט דעם מינימום פון פאַרגיטיגונג פאַר די קרבנות, וואָס צאָלן אין די אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן מיט זייערע גלידער און אין אַזוי פיל טויזנטער פאַלן מיט זייערע לעבנס.

די אַרבעטער מוזן פאָדערן פאַר זיך אינשורענס אין דער פולער סומע פון זייער פאַרדינסט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי קאָנען ניט אַרבעטן. די פאַמיליע פון אַן אַרבעטער, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרן ביי דער אַרבעט, דאַרף קריגן אַ פענסיע אויף אויסצוהאַלטן די פאַמיליע ביז די קינדער ווערן דערוואַקסן, און די פרוי פון דעם אומגעקומענעם אויף איר גאַנץ לעבן.

אַזוי ווי אין אַ גאָר גרויסער צאָל פון די אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט מוז דער אַרבעטער אויסגעבן גרויסע סומען אויף מעדיצינישער הילף — סומען, וואָס איבערשטייגן אָפט די נישטיגע אינשורענס, וואָס דער אַרבעטער קריגט, מוזן די אַרבעטער אויסקעמפן פאַר זיך באַזונדער אינשורענס אויף צו דעקן אַלע אויסגאַבן אויף דאָקטוירים, מעדיצין, אויף ספעציאַליסטן, עקס רעי, נוירסעס און אַזוי ווייטער.

די אַרבעטער דאַרפן אויך פאָדערן, אַז עס זאָל אָפגעשאַפן ווערן דער איצטיגער צושטאַנד, ווען די באַלעבאַטים האָבן אַ רעכט אויסצוקלייבן צווישן אַ רעגירונגס־אַגענטור און צווישן אַ פריוואַטער אינשורענס־קאָמפּאַניע. די אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג דאַרף אינגאַנצן געדעקט ווערן פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען. די פאָנדן דאַרפן אינגאַנצן געזיכערט ווערן פון דער מלוכה און די פאַרוואַלטונג דאַרף זיין אין די הענט פון די אַרבעטער זעלבסט.

קאַפּיטל 7

פּענסיעס פאַר אַלטע לייט

אויב אַן אַרבעטער קאָן זיך ניט געבן קיין עצה, ווען ער בלייבט אַרבעטלאָז אין דער צייט, ווען ער איז נאָך פּייאיג צו אַרבעטן, ווי אומבאַהאָלפן איז ער שוין, ווען עס קומט אָן די עלטער, ווען ער פאַרלירט שוין אַלע האָפענונגען צו קריגן באַשעפטיגונג.

קיין אָפּגעשפּאָרטע געלטער האָט דער אַרבעטער ניט; זיינע נאָענטע זיינען פּונקט אַזוי אָרים, ווי ער — עס קומט אים אויס כאָטש צו פאַלן אין מיטן גאַס; ער ווערט געטריבן אין הקדש אריין.

פאַר די מערסטע, וואָס דאַרפן אָנקומען אין אַ מושב זקנים, איז דאָס ערגער ווי דער טויט. די באַליידיגונגען, וואָס מ׳דאַרף זיך אויס־שטיין אײדער מ׳קומט אָן אין דעם אַנשטאַלט און דערנאָך, שוין זייעניג דאָרט, זיינען שווידערלעך. מ׳מוז זיך אָפּזאָגן פון יעדן רעשטל פון זעלבסט־רעספּעקט, כדי צו קאָנען זוכה זיין צום „גליק״ אריינ־צוקומען אין אַן אַנשטאַלט, וואו מ׳קאָן דערשלעפּן די עטלעכע יאָר.

נאָר אפילו אין אָט די אַנשטאַלטן פון אָפּקומעניש קאָנען אריינ־קומען בלויז געציילטע. די מערסטע אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך ניט דערגרייכט קיין גאָר גרויע עלטער, מוזן זיך מאַטערן און אויסגיין פון הונגער. איצט, ווען די עלטער־גרעניץ פאַר אַן אַרבעטער, ביז וועלכער ער קאָן נאָך קריגן באַשעפטיגונג, איז אַ רוק געטאָן געוואָרן אויף אַזוי פיל אויף צוריק, איז די פראַגע פון פּענסיעס פאַר אַלטע לייט געוואָרן פאַר יעדן אַרבעטער אַ פראַגע פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט.

דער אַרבעטער דאַרף קעמפן געגן דעם, אַז אים זאָל ניט אויס־קומען אויף דער עלטער זיך גיין בעטן מ׳זאָל אים אריינגעמען אין אַ הקדש.

רעדנדיג וועגן די דאָזיגע אינסטיטוציעס, איז נויטיג אָנצואוויי־זען, אַז די דאָזיגע אַנשטאַלטן זיינען אַ מוסטער פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם שיינקט פאַר אַ טייל פון די אומבאַהאָלפענע אַלטע אַר־

בעטער, פון וועלכע עס איז אַרויסגעזויגן געוואָרן זייער בלוט און זייער לעבן.

אָט וואָס עס דערציילן אָפּיציעלע אונטערזוכונגען:

אָהייאָ קאָמישאָן:

„די זאָרג פאַר די אַלטע לייט אין די אַנשטאַלטן איז אַ שווערע פּראָבלעם, נאָר זי ווערט ניט גענומען ערנסט. ווי מען קאָן זען פון דעם צושטאַנד אין די 45 אַנשטאַלטן, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון דער קאָמיסיע, זיינען 13 געווען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד, 19 זיינען געווען ווייט פון דעם, וואָס זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין, און בלויז 13 זיינען געווען אין אַ ניש'קשה'דיגן צושטאַנד.

„די אַלטע זיינען געהאַלטן געוואָרן ניט ריין. די בעטן זיינען געווען שמוציג. די צודעקן אַלט און אָפּגעטראָגן און די ווענטילאַציע שלעכט".

אָט איז אַ באַשרייבונג פון מיס נאַסאו, אַ מיטגליד פון דער ניו־יאָרקער פּענסיע־קאָמישאָן, נאָך איר באַזוך פון דעם הקדש אויף בלעקוועל איילאַנד:

„אפשר דאָס שווידערלעכסטע זיינען די ריזיגע שלאָף־צימערן, וואו די בעטן שטייען נאָך געדיכטער, ווי אין אַ האָספּיטאַל־פּאַלאַטע. עס קוקט אויס אומגלויבלעך, אַז מענטשן זאָלן קאָנען שלאָפן, ווען זיי זיינען אַזוי צונויפגעפּרעסט. כאָטש די אַלע וואָס זיינען דאָ, זיינען קיינמאָל רייך ניט געווען, כאָטש זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אמת'ער פּריוואַטקייט, איז אָבער אָן אונטערשייד פון דעם, ווען מ'איז אין איין צימער מיט צוויי־דריי קרובים, אָדער מ'איז אין איין צימער מיט 100 פרעמדע... ניט קוקנדיג אויף מיינע דערפאַ־רונגען אין לויף פון מיינע לאַנג־יאָריגע באַזוכן פון טענעמענט־הייזער, האָב איך לאַנג ניט געקאָנט פאַרטראָגן די בילדער פון די האָפענונגסלאָזע, טרויעריגע, אומגליקלעכע געזיכטער. אַ סך פון זיי באַגייען זעלבסטמאָרד. איינע פון די נויטסעס אין בלעקוועל האָט געזאָגט: „עס איז שווידערלעך, איך קאָן דאָ מער ניט זיין. עס איז אוממעגלעך דאָס צוקוקן. עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס אייניגע פון די אַלטע גייען אַוועק צום טייך, גייען אַריין אין אַ שיפל און... קומען שוין מער קיינמאָל ניט צוריק!"

די פּענסילווייניע קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט אַזאַ צושטאַנד אין איינער פון די אינסטיטוציעס, וואוהין מען נעמט אַריין אַלטע לייט:

„אין 1917 זיינען אין דעם אַנשטאַלט געווען 313 אַלטע לייט. אָנגעשטעלטע זיינען געווען 28. אויף יעדן אַלטן האָט מען אין לויף פון יאָר געגעבן 7 פונט פּוטער. אויף יעדן אָנגעשטעלטן האָט זיך אָנגענומען 31 פונט פּוטער. אויף יעדן אַלטן האָט זיך אָנגענומען 28 אייער אַ יאָר. אויף יעדן אָנגעשטעלטן האָט זיך אָנגענומען 200 אייער אַ יאָר. אויף יעדן אַלטן האָט זיך אָנגענומען 23 קוואָרט מילך אַ יאָר. אויף יעדן אָנגעשטעלטן 101 קוואָרט מילך אַ יאָר. אויף יעדן אַלטן האָט זיך אָנגענומען 1 א ו נ ץ עוף אַ יאָר. אויף יעדן אָנגעשטעלטן האָט זיך אָנגענומען 14 פונט“.

מ'וואָלט געקאָנט אָנפילן ביכער מיט באַשרייבונגען פון דעם שוידערלעכן צושטאַנד, וואָס עס הערשט אין אָט די אַנשטאַלטן, וואוהין עס דאַרפן אָנקומען די הילפלאָזע אַלטע, די גרעסטע טייל פון וועלכע זיינען געווען ערלעכע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געפּראַצעוועט, און וואָס האָבן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון זייער פּראַצע אויף צו באַזאָרגן זיך אפילו מיט אָן אָרים שטיקל ברויט אויף דער עלטער.

די דאָזיגע אַרבעטער דאַרפן באַזאָרגט ווערן אויף דער עלטער ניט מיט קיין הקדש, נאָר מיט אַ פּענסיע.

אַזוינע פּענסיעס — כאָטש זייער קליינע — זיינען שוין איינגעפירט אין אייניגע קאַפּיטאַליסטישע לענדער:

די דאָזיגע פּענסיעס זיינען איינגעפירט געוואָרן ניט אַלס קיין גנאַד פון הערשער, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די אַרבעטער האָבן דורך קאַמף געצוואונגען די מאַכט־האָבער אַזעלכע פּענסיעס איינצופירן.

געזעצן וועגן פּענסיעס פאַר אַלטע לייט זיינען איצט אין קראַפט אין די פאָלגענדיגע לענדער:

לאַנד	יאָר
אין דייטשלאַנד זינט — — — — — —	1889
דענמאַרק — — — — — — — — — —	1891
איטאַליע — — — — — — — — — —	1898
עסטרייך — — — — — — — — — —	1906
ענגלאַנד — — — — — — — — — —	1908

פראַנקרייך	1910
אמענדירט	1928
רומעניע	1912
שפּאַניע	1919
גריכנלאַנד	1923
בעלגיע	1924
בולגאַריע	1924
טשעכאָסלאָוואַקיע	1924
פּוילן	1928

אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויסער אייראָפּע איז איינגעפירט געוואָרן פענסיע פאַר אַלטע לייט אין פאָלגנדיגע יאָרן:

לאַנד	יאָר
אין ניי זעלאַנד זינט	1898
אויסטראַליע	1908
קאַנאַדע	1908
ניו פאונדלענד	1919
אַרגענטינע	1923
בראַזיליע	1926
זיד־אַפריקע	1928

אויבנאויף קומט אויס, אַז די אַרבעטער אין אַ סך פון אַט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען שוין „באַוואָרנט“, נאָר דער טעות ווייזט זיך באַלד אַרויס, ווען מ׳נעמט זיך שטודירן די פראַגע גענויער און ווען מ׳באַקענט זיך מיט די נישטיגע סומען, וואָס די איינשורטע קריגן.

אין אויסטראַליע איז דער מאַקסימום פון דער פענסיע 17 שילינג — אַרום 3 דאָלער אַ וואָך.

אין בעלגיע — 720 פראַנק אַ יאָר.

אין קאַנאַדע — מאַקסימום 20 דאָלער אַ חודש.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע — מאַקסימום 1,970 קראָנען אַ יאָר.

אין פינלאַנד — אַרום 60 פּראָצענט פון נאָרמאַלן פאַרדינסט.

אין פראַנקרייך — 600 פראַנק מינימום אַ יאָר.

אין דייטשלאַנד — אַרום 30 מאַרק דורכשניט אַ מאָנאַט.

אין ענגלאַנד — אַרום 10 שילינג אַ וואָך.

די פאָלגנדיגע טאַבעלע וועט געבן אַ באַגריף וועגן די פאַרשיידנאַרטיגע פענסיע־געזעצן אין איינִיגע קאַפּיטאַליסטישע לענדער:

פּענסיע-געזעצן:

לאַנד	ווער קריגט פּענסיעס	עלטער פון פּענסיאָנירן	ווער צאָלט פאַר דער פאַרזיכערונג
עסטרייך	אַלע לוין-אַרבעטער	60—65	באַסעס און אַרבעטער
בעלגיע		60—65	באַסעס און אַרבעטער
בולגאַריע		60	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
טשילי		55	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
טשעכאָסלאָוואַקיע		65	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
פראַנקרייך		60	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
דייטשלאַנד		65	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
ענגלאַנד		65	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
איטאַליע		65	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
רומעניע	די גאַנצע באַפעלקערונג	70	באַסעס, אַרבעטער און מלוכה
אויסטראַליע		65	די מלוכה
קאַנאַדע		70	די מלוכה און די פּראָווינצן
דענמאַרק		65	די מלוכה און די קאָמונאַלע פאַרוואַלטונגען
נאָרוועגיע		70	די מלוכה און די מוניציפּאַליטעטן
זיד אַפריקע		65	די מלוכה
יאַפּאַן		50—65	די אינשורטע זעלבסט

פון אָט די ציפערן ווערט קלאָר, אז אין די מערסטע — אויב ניט אין אַלע פאַלן — איז די דאָזיגע אינשורענס פאַר אַלטע לייט ניט מער ווי א פאַרבלענדעניש, כדי די ארבעטער זאָל אָפּגענאַרט ווערן און זאָלן אוים מורא ניט צו פאַרלירן אָט די נישטיגע פענסיעס ניט ארויסטרעטן אין קאַמף פאַר א ווירקלעך גענוגנדיגער פאַרזיכערונג פאַר אַלטע לייט.

נאַטירלעך, בלייבט עס איבער צו די אַרבעטער זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די נישטיגע פענסיעס, און קעמפן פאַר א סיסטעם פון פענסיעס פאַר אַלטע לייט, לויט דעם באַזיס פון יוניאָן־ווייזשעס.

אין אַמעריקע זיינען איצט דאָ געזעצן פאַר פענסיעס פאַר אַלטע לייט אין די פאָלגנדיגע שטאַטן:

שטאַט	יאָר
אין מאָנטאַנאַ	1923
נעוואַדאַ	1923
וויסקאָנסין	1911
קענטאַקי	1926
קאָלאָראַדאָ	1927
מערילענד	1927
ניו יאָרק	1931
אין דער טעריטאָריע פון אַלאַסקאַ	1915

די גאָווערנאָרס פון קאַליפאָרניע און וואַשינגטאָן האָבן וועטאָ־אירט די בילס, וואָס זיינען אין זייערע באַטרעפנדיגע שטאַטן אָנגענו־מען געוואָרן. אין פענסילוויינע און אין אריזאָנא זיינען אָנגענומען געוואָרן געזעצן צו צאָלן פענסיע צו אַלטע לייט. די דאָזיגע געזעצן זיינען אין דיביידע שטאַטן דערקלערט געוואָרן אומקאָנסטיטוציאָנעל.

אין מאָנטאַנאָ זיינען באַרעכטיגט צו פענסיע די אַלטע לייט, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעמאַטערט אויף דער וועלט מער ווי 70 יאָר צייט. אין קענטאַקי און אין קאָלאָראַדאָ מוז מען אויך זיין ניט יינ־גער פון 70 יאָר צו זיין באַרעכטיגט צו א שטיקל פענסיע. מערילענד צאָלט א פענסיע אָנהויבנדיג פון 56 יאָריגן עלטער; נעוואַדא פון 60 יאָריגן עלטער.

ווען מען נעמט אין אנבאַטראַכט, אז פאַר אַן אַרבעטער, וואָס איז עלטער פון 40 יאָר, ווערט כמעט אוממעגלעך צו קריגן באַשעפ־טיגונג אין די אַמעריקאַנער אינדוסטריען, שטעלט זיך די פראַגע: וואָס זאָלן טאָן די דאָזיגע אַרבעטער פון דעם עלטער צווישן 45—40

יאָר ביז די 65—70 יאָר, ווען זיי וועלן זיין בארעכטיגט צו א פענסיע אין די שטאטן, וואו עס איז שוין יאָ דאָ אזא שטיקל פארזיכערונג?

א צאָל פירמעס האָבן איינגעפירט אייגענע פענסיע־פאָנדן. פאר די ארבעטער זיינען אָט די פריוואטע פאָנדן אן אמת'ער אומגליק צוליב א סך אורזאכן. אויבן־אויף קאָן זיך דאכטן, אז אזעלכע פענסיע־פאָנדן זיינען א גרויסע טובה פאר די ארבעטער, נאָר אין דער אמת'ן זיינען זיי פאר די ארבעטער, ווי געזאָגט, אן אומגליק. אָט זיינען עטלעכע אורזאכן:

דער ארבעטער פילט זיך שטענדיג פארשולדיגט צו דעם באַלעבאָס און, וועלנדיג אָנהאלטן דאָס רעכט צו דער פענסיע, האָט דער ארבעטער מורא צו סטרייקן און צו פאָדערן פאר זיך בעסערע באַדינגונגען ביי דער ארבעט.

צוליב די פענסיע־פאָנדן ווארפט דער קאפיטאליסט אָפט ארויס די ארבעטער, וואָס האָב שוין ביי אים אָפּגעארבעט א לאנגע צייט, ווייל ער וויל ניט, אז עס זאָל זיך אָנקלייבן א צו גרויסע צאָל פון עלטערע ארבעטער, ווען ער וועט מוזן צאָלן פענסיע. אָן וועלכער ניט אין ווירקלעכער אורזאך — אָן אויסרייד איז דאָך לייכט צו געפינען — ווערן די עלטערע ארבעטער ארויסגעוואָרפן און אינגערע ווערן אריינגענומען אויף זייער פלאץ. ווען ניט די עקזיסטירנדיגע באַסישע פענסיע־פאָנדן, וואָלט מען אין א סך פאַלן די באטרעפנדע ארבעטער נאָך ניט ארויסגעוואָרפן פון דער ארבעט. צוליב דעם פענסיע־פאָנד פארלירט דער ארבעטער זיין דזשאב. ער בלייבט אי אָן פענסיע אי אָן ארבעט

די דאָזיגע פריוואטע באַסישע פענסיע־פאָנדן זיינען ניט מער ווי א מיטל אָפּצונארן די ארבעטער, זיי זאָלן ניט קעמפן פאר א ווירקלעכער, גענינגנדיגער סיסטעם פון פענסיעס פאר אַלטע לייט אויף דעם חשבון פון דער מלוכה.

אויף ווי ווייט די עקזיסטירנדיגע געזעצן זיינען איינגעפירט געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג, אז זייערע באַגרענצונגען זאָלן אויסשליסן וואָס מער אַלטע לייט פון דעם רעכט צו קריגן א פענסיע, קאָן מען זען פון די פאָלגנדיגע הויפּט־שטריכן פון איינינע געזעצן:

ד ע ר פ ע נ ס י ע ־ ג ע ז ע ץ א י ן מ אָ נ ט א נא: — דער פענסיאָנער מוז זיין ניט אינגער פון 70 יאָר. ער מוז באווייזן, אז ער האָט די לעצטע 15 יאָר פאר דעם, וואָס ער ווענדט זיך נאָך

פענסיע, געוואוינט אין מאָנטאַנא. דער מאַקסימום, צו וועלכן ער איז בארעכטיגט, איז 25 דאָלאַר א חודש — א פרינצלעכע סומע פון 80 סענט א טאָג.

ד ע ר פ ע נ ס י ע־ג ע ז ע ץ א י ן נ ע וו א ד א: — אין נעוואדא קריגט מען ניט מער ווי א דאָלאַר א טאָג. דער פענסיאָנער מוז זיין ניט אינגער פון 60 יאָר. בלויז די, וואָס זיינען בירגער שוין לענגער ווי 15 יאָר, און וואָס וואוינען אין נעוואדא שוין מער ווי 10 יאָר, זיינען בארעכטיגט צו פענסיע

אין קענטאָקי איז די פענסיע באגרעניצט צו 250 דאָלאַר א יאָר. אין ניו יאָרק איז קיין באגרענעצונג ניטאָ. די צאָלונג ווערט געמאכט לויט דעם באשלוס פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס ווערט ספּעציעל פאַר דעם צוועק געשאפן.

דער ניו יאָרקער געזעץ איז אריין אין קראפט דעם 1טן יאַנואַר, 1931. דעם ערשטן יולי זיינען געווען 38,400 פענסיאָנערן, וואָס האָבן געקראָגן א דורכשניט פון 27 דאָלאַר מיט 21 סענט א חודש. פאַר דער שטאָט ניו יאָרק איז דער דורכשניט געווען 33 דאָלאַר מיט צוויי סענט. פאַר אנדערע שטעט איז דער דורכשניט געווען 23 דאָלאַר מיט 20 סענט. פאַר אנדערע שטעט איז דער דורכשניט געווען 20 דאָלאַר מיט 83 סענט א חודש.

אפילו לויט אָט דער פּראָפּאָרציע פון ארום פערציג טויזנט פענסיאָנערן אויף א באפעלקערונג פון 12 מיליאָן אין ניו יאָרק סטייט, וועט אויסקומען, אז אין גאנצן לאנד זיינען דאָ ארום 500,000 אלטע לייט, וואָס נויטיגן זיך, און וואָס דארפן באזאָרגט ווערן מיט פענסיעס. עס איז אָפּגערעדט, אז כמעט דער גאנצער האַלבער מיליאָן באשטייט פון ארבעטער.

עס איז אויך נויטיג זיך אָפּצושטעלן אויף דעם, אז אפילו די נישטיגע פענסיע פון 90 סענט א טאָג וואָלט באזאָרגט 500,000 אלטע לייט מיט א סומע פון ארום 200,000,000 דאָלאַר א יאָר.

טשאַריטי וואָלט דאָך קיינמאָל אזא סומע ניט באזאָרגט, שוין ניט רעדנדיג וועגן דעם, אז טשאַריטי מיינט דערנידערונג, באליידיגונג און דעגענעראַציע.

עס איז איבעריג צו זאָגן, אז די עקזיסטירנדיגע פענסיעס זיינען נישטיג און זיי קלעקן קוים אויף צו דערהאַלטן די נשמה. די ארבעטער מוזן קעמפן פאַר א פענסיע־סיסטעם, וואָס זאָל ווירקלעך באזאָרגן יעדן פענסיאָנער, אז ער זאָל קאָנען קריגן אלץ, וואָס ער דאַרף.

אין ליכט פון אָט דעם קלענגלעכן צושטאַנד פון די נישטיגע סאָ־ציאַלע געזעצן צו באַזאָרגן אַלטע לייט מיט פענסיעס און דאָס, וואָס נאָך די גרעסטע מאַטערנישן ווערט דערלאַנגט אַ נישטיגע קאָמפּענ־סאַציע צו די קרבנות פון אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן; אין ליכט פון דער אָבוועזנהייט פון וועלכער ניט איז סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר די מיליאָנען אַרבעטלאָזע, ווערט נאָך קלאָרער די פולע באַדייטונג און די קאָלאָסאַלע גרויס פון דער פאַרצווייגטער נעץ פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס ווערט נאָך קלאָרער, אַז בלויז אין דעם לאַנד פון דער אַרבעטער־הערשאַפט האָט געקאָנט דערגרייכט ווערן אַ צושטאַנד פון אַזאַ אַל־אַרומנעמענדיגער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, די איינצלהייטן פון וועלכער ווערן איבערגעגעבן אין נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל 8

סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזי־כערונג פאַר אַלע אַרבעטער אָן אויסנאַם. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו אַלע אויסגאַבן אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטער גייען אינגאַנצן אויף דעם חשבון פון דער מלוכה. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו די סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז אויסגע־רעכנט אויף צו באַזאָרגן די אַרבעטער אויף יעדן פאַל, ווען צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַך זאָלן זיי נישט קאָנען אַרבעטן.

אין די לעצטע צוויי יאָר איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מער ניטאָ קיין אַרבעטלאָזיגקייט. די אַרבעטלאָזיגקייט איז דאָרט ליקווידירט געוואָרן דערפאַר, ווייל אין דער פּלאַנירטער און שטענדיג־בליענדיגער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט איז ניטאָ קיין אורזאַכע פאַר אַרבעט־לאָזיגקייט.

יעדע נייע דערפינדונג, יעדער נייער מעטאָד, וואָס שאַפט אַ מעגלעכקייט צו פאַגרעסערן די פּראָדוקציע, פירט ניט צו דעם, אַז נייע קאַדרען אַרבעטער זאָלן ווערן אומנוציטיג און זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן אין גאַס, נאָר פירט צו אַ פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטס־טאָג און צו אַ פאַרלייכטערונג פון דער אַרבעט.

ניט קוקנדיג אָבער אויף דעם, וואָס קיין אַרבעטלאָזיגקייט איז מער ניטאָ, ווערן אָבער אַלץ גרעסערע סומען באַשטימט פאַר אַלע פאָרמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם חבר מאָלאָטאָוו, דער פאָרזיצער פון דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן:

„ניט קוקנדיג*) אויף דעם, וואָס די אַרבעטלאָזיגקייט איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ליקווידירט געוואָרן, וואַקסן פון יאָר צו יאָר די פאָנדן, וואָס די מלוכה אסיגנירט פאַר סאָציאַלער פאַר־

*) „די סוקסעס אָן די פיוו איר פּלען” — וו. מ. מאָלאָטאָוו.

זיכערונג (פאַר קראַנקן־בענעפיט, בענעפיט פאַר געווינערינס, פענסיע פאַר אַלטע לייט און אַזוי ווייטער).

„אין די ערשטע צוויי יאָר פון דעם פינף־יאָריגן־פּלאַן זיינען די דאָזיגע סומען פאַרגרעסערט געוואָרן פון 980 מיליאָן רובל אין ערשטן יאָר אויף אַ ביליאָן און 514 מיליאָן רובל אין דעם צווייטן יאָר“.

לויט דעם אָריגינעלן פינף־יאָריגן פּלאַן האָט מען אין דעם לעצטן יאָר פון דעם פינף־יאָריגן פּעריאָד געדאַרפט אויסגעבן אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג די סומע פון איין ביליאָן מיט צוויי הונדערט מיליאָן רובל, נאָר ווי מיר האָבן געזען פון חבר מאָלאָטאָוו'ס דערקלערונג, איז אין דעם צווייטן יאָר שוין אויסגעגעבן געוואָרן אַ סך מער. היי־יאָר וועלן די אויסגאַבן אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג באַטרעפן די סומע פון 2,300,000,000 רובל. דאָס איז אַ פאַרגרעסערונג אויף 50 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם פריערדיגן יאָר און אַ פאַרגרעסערונג פון 90 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דער סומע, וואָס האָט געזאָלט אַסיגנירט ווערן פאַר דעם לעצטן יאָר פון דעם פינף־יאָריגן־פּלאַן.

די סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איינגע־פירט געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג ווירקלעך צו פאַרזיכערן יעדן אַרבעטער קעגן יעדן פאַל, ווען ער קאָן ניט אַרבעטן, ווען ער ווערט קראַנק, אָדער ווען ער מוז האָבן הילף צוליב דעם, וואָס אימיצער איז ביי אים אין דער פאַמיליע קראַנק געוואָרן.

די סעקציעס 175 און 176 פון דער אַרבעטער־געזעצגעבונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד רעדן וועגן דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג אומגע־פער אַזוי:

„סעקציע 175 — די סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג נעמט אַריין אַלע אַרבעטער צי זיי זיינען באַשעפטיגט אין אונטערנעמונגען, אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואָס באַלאַנ־גען צום שטאַט, צו קאָאָפּעראַטיוון, צו קאָנצעסיאָנערן, אָדער צו פּריוואַטע אונטערנעמער. אַהער גייען אַריין אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי פּריוואַטע אינדיווידואומען. די סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז אָנווענדבאַר צו יעדן אַרבעטער, ניט געקוקט אויף דער לענג פון דער צייט און אויף דעם כאַראַקטער פון זיין באַשעפטיגונג, און ניט אַכטנדיג אויף דער סומע פון זיין לוין.

„סעקציע 176 — די סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג נעמט אריין פאָלגנדיגע אָפּטיילונגען:

מעדיציניִשע באהאנדלונג, בענעפּיטן אין פאַל פון צייט־ווייליגן פאַרלוסט פון ארבעטס־פייאיגקייט דורך קראַנקהייט, אומגליקספאַל, שוואַנגערשאַפט, מוטערשאַפט, צוליב דעם, וואָס מ׳דאַרף אכטונג געבן אויף א קראַנקן מיטגליד אין דער פאַמיליע (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ש. א.), אינשורענס פאַר מוטערס, וואָס דאַרפן זויגן זייערע קינדער, פאַר מעדיציניִשער הילף, אויסגאַבן אויף לויות. ארבעטלאָזע פאַרזיכערונג, פאַרזיכערונג פאַר עלטערע לייט, פאַרזיכערונג פאַר די, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם הויפּט פון דער פאַמיליע דורך זיין טויט, אָדער דורך דעם, וואָס ער איז פאַרשוואונדן“.

די צאָל פון ארבעטער, וואָס זיינען אינשורט געוואָרן אויף דעם גרונט פון דער ברייטער פאָרמע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

„אין 1928*) זיינען געווען אינשורט 10,644,000 ארבעטער; אין 131 איז די צאָל געשטיגן ביז ארום 16,000,000 ארבעטער“.

דער פענאָמענאַלער וואוקס פון דער צאָל ארבעטער, וואָס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַזאָרגט מיט אַלזייטיגער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ווערט גאָר בולט פון דער דאָזיגער טאַבעלע:

יאָר	צאָל אינשורטע ארבעטער
1924	5,436,000
1925	6,066,000
1926	7,700,000
1928	10,644,000
1929	12,000,000

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פריער, איז די צאָל ארבעטער, וואָס זיינען אין 1931 געווען באַוואָרנט מיט סאָציאַלער פאַרזיכערונג דערגאַנגען ביז 16,000,000.

דער סאָוועטישער ארבעטער דאַרף ניט ציטערן פאַר דעם, וואָס מיט אים וועט מאָרגן זיין. ער דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר דעם, אַז ער קאָן בלייבן אָן ארבעט. ערשטנס, האָט שוין דער סאָוועטן־פאַר־

*) „סאָשל איקאָנאָמיק רעוויו“, יולי־אויגוסט, 1931, פון לייבאָר ריסוירטש דעפּאַרטמענט פון דעם רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל.

באנד באוויזן, אז אין א פלאנירטער סאציאליסטישער ווירטשאפט ווערט אפגעשאפן די קללה פון ארבעטלאזיגקייט; צווייטנס, איז דער סאוועטישער ארבעטער באווארנט, אז אויב ער זאל צוליב אזא אדער אן אנדערער אורזאכע, וואס הענגט פון אים ניט אפ, בלייבן אן ארבעט, וועט ער ניט בלייבן אן ברויט. דער ארבעטער איז פאר־זיכערט אין פאל פון קראנקהייט; ער איז פארזיכערט אויף דער צייט, ווען ער וועט ווערן אלט; ער איז פארזיכערט, אז נאך זיין טויט וועלן זיינע קינדער ניט בלייבן אויף הפקר.

גאר מערקווירדיג איז די פארזיכערונג, מיט וועלכער די סא־וועטן־מאכט האט באזארגט די ארבעטערינס. יעדע ארבעטער־פרוי, וואס דארף ווערן א מוטער, ווערט באפרייט פון דער ארבעט 8 וואכן פאר דעם, ווי זי ווערט א מוטער, און אויף 8 וואכן נאך דעם קימ־פעט. די ארבעטערין קריגט פון דעם אינשורענס־פאנד די פולע סומע פון איר לוין פאר אט די 4 חדשים צייט. זי קריגט באזונדער פון דעם פאנד א סומע אויף איינצוקויפן אלץ, וואס איז נויטיג פאר דעם קינד. (א וויגעלע, בעט־צייג, קליידונג און אזוי ווייטער). אין לויף פון די ערשטע 9 חדשים נאך דעם געבורט פון דעם קינד קריגט די מוטער א ספעציעלן באנוס — „מילך־געלט". פארבייגייענדיג איז אויך נויטיג צו דערמאנען, אז אן ארבעטערין, וואס האט א זויג־קינד, ווערט באפרייט יעדע צוויי און א האלב שעה אויף 30 מינוט אנצוזויגן איר קינד. בלויז אויף „מילך־געלט" אליין האט דער אינ־שורענס־פאנד אויסגעגעבן לעצטן יאר די סומע פון 40 מיליאן דאלער.

דער באריכט פון ענגעל צום רויטן טרייד יוניאן אינטערנאציא־נאל וועגן דער סאציאלער פארזיכערונג אין סאוועטן־פארבאנד זאגט מיט רעכט:

„איינע*) פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דער אקטאבער־רעוואלוציע איז דאס, וואס עס איז דורכגעפירט געווארן די גאנצע פראגראם פון סאציאלער־געזעצגעבונג, פאר וועלכער די באלשעוויקעס האבן אזוי העלדיש געקעמפט נאך א סך יארן פאר דער רעוואלוציע. אין סאוועטן־פארבאנד איז איינגעפירט געווארן סאציאלע־פארזיכערונג אין אלע אירע פארמען: די גאנצע אויסגאבע ווער געדעקט פון די אינדוסטריען. די גאנצע פארוואלטונג ליגט אין די הענט פון די ארבעטער. די דאזיגע

*) „סאשעל איקאנאמיק רעוויו" יולי—סעפטעמבער 1930, פון לייבאר ריסוירטש דעפארטמענט פון רויטן טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל.

פונדאַמענטן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג זיינען געלייגט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס אין אָט דעם לאַנד איז דער אַרבעטער־קלאַס דער באַלעבאָס".

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו דער אַרבעטער האָט פאַר זיך נאָך לאַנגע יאָרן קאַמף אַרויסגעריסן אַ שטיקל געזעץ פאַר סאָציאַלער פאַזיכערונג, איז דער דאָזיגער אַרבעטער געצוואונגען אין מערסטע פאַלן בייצוטראָגן פון 30 ביז 40 פּראָצענט פון דעם באַטרעף פון דעם אינשורענס־פאָנד. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי שוין דערמאָנט, צאָלט ניט דער אַרבעטער קיין קאָפּיקע, און די אינדוסטריען צאָלן צום פאָנד פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג אַזוי גרויס ווי 13 פּראָצענט פון דער סומע, וואָס זיי צאָלן אויס אין אַרבעטער־לוין.

אויב מיט אַן אַרבעטער פּאַסירט אַן אומגליק, אויב אַן אַרבעטער ווערט קראַנק, קריגט ער זיין פאַרזיכערונג פון דעם ערשטן טאָג. ווען ער הערט אויף אַרבעטן. קיינע דריידלעך, קיינע לאָיערשע שטיק, קיינע פאַרצויגענע פּראָצעסן, קיינע פאַרזוכן אָפּצונאַרן דעם אַרבעטער און זיך אויסדרייען פון צאָלן דעם אַרבעטער זיין אינשורענס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט מעגלעך.

ווען דער אַרבעטער ווערט באַרעכטיגט צו קריגן פּענסיע, ווען אַ געווינערן דאַרף קריגן די פאַרזיכערונג, וואָס איר קומט לויט דעם געזעץ, דאַרפן זיי ניט אָפּשלאָגן קיין שוועלן, — זיי קריגן דאָס, וואָס איז פון דעם געזעץ פעסטגעשטעלט.

די פאַרזיכערונג פון אַן אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן אָבער ניט געמאָסטן ווערן בלויז מיט די דירעקטע סומען, וואָס דער אַרבעטער קריגט פון די אינשורענס־פאָנדן. די פאַרזיכערונג איז אַ פיל גרעסערע דורך דעם, וואָס די מלוכה באַזאָרגט דעם אַרבעטער מיט אָפּרו, באַצאָלנדיק אים פאַר דער צייט פון אָפּרו. די מלוכה באַזאָרגט דעם אַרבעטער'ס־קינד מיט שול. יעדער אַרבעטער איז באַזאָרגט מיט אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און נאָך צו קריגן אויף צו לעבן. דער אַרבעטער איז באַזאָרגט מיט פאַרוויילונג, געזונטהייט־אויפזיכט און אַזוי ווייטער. דער אַרבעטער צאָלט דירה־געלט לויט זיינע פאַרדינסטן. די אַלע בענעפיטן דאַרפן צוגערעכנט ווערן צו דעם, וואָס אַן אַרבעטער קריגט אין דירעקטער פאַרזיכערונג. ערשט ביי אַזאַ חשבון וועט זיך באַקומען אַ קלאָר בילד פון דער פולער גרויס פון דער פאַרזיכערונג, מיט וועלכער עס איז באַזאָרגט אַן אַרבעטער אין סאָוועטן־לאַנד.

נאַטירלעך טאָר מען אויך ניט אַרויסלאָזן פון זינען די פאַרזיכטסמיטלען, וואָס די סאָוועטישע אינדוסטריען נעמען אָן, און אויף וועלכע זיי גיבן אויס גרויסע סומען צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דעם אַרבעטער און אויך אויסצוהיטן, ווי ווייט מעגלעך, פון אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט.

בלויז אין דעם לאַנד, וואו דער אַרבעטער האָט באַפרייט די אַרבעט, האָט ער געקאָנט פאַר זיך אויפבויען אַזאַ ברייטע סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס באַזאָרגט אים און זיין פאַמיליע, אַז זיי זאָלן קיינמאָל ניט דאַרפן ליידן קיין נויט און אַז זייער וואוילזיין זאָל וואַקסן מיט דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס ווערט אַזוי אימפּעטיג, אַזוי אַנטשלאָסן און אַזוי פריידיג געבויט אויף דער טעריטאָריע פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן.

קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד קאָן זיך אויף דעם געביט ניט פאַרגלייכן מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין די לענדער פון קאַפּיטאַליסטישן כאַפּ־לאַפּ, פון פּראָדוקציע פאַר פּראָפיטן, איז ניט מעגלעך אַזאַ ברייטע סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ווי דער אַרבעטער האָט פאַר זיך איינגעפירט אין דעם לאַנד, וואו ער איז אַליין דער באַלעבאָס. אין פאַרגלייך אָבער מיט אַמעריקע, וואָס איז דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, נאָר גלייכצייטיג אויך דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אין באַצוג צו סאָציאַלער געזעצגעבונג, איז דער אַרבעטער אפילו אין די מערסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די באַלעבאַטים זיינען פונקט אַזוי פּראָפיט־דורשטיג, ווי די געלט־זעק אין אַמעריקע, שוין ווייט ווייט אַוועק אויף דעם געביט פון אַרויסרייסן פאַר זיך געוויסע פאָרמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ווי עס ברענגען אַרויס די נעקסטע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטל 9

אָבליגאַטאָרישע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע האָבן די אַר־בעטער שוין לאַנג פאַר זיך אויסגעקעמפט געוויסע פאָרמען פון סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג. אויך דאָרט האָבן די קאַפּיטאַליסטן, פּונקט ווי אין אַמעריקע, געפירט אַ ביטערן קאַמף געגן דער פאָדערונג פון סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דאָרט איז געווען אַ מיליטאַנטישע ארבעטער־באַוועגונג, זיינען געזעצן פאַר ארבעטלאָ־זער פאַרזיכערונג געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

דייטשלאַנד איז אי געווען דאָס ערשטע לאַנד אויף איינצופירן סאָציאַלע פאַרזיכערונג, אי זי האָט געשאַפן די פאַרצווייגטסטע נעץ פון אָט דער פאַרזיכערונג.

נאָך דעם, ווי דייטשלאַנד האָט אין דער מלחמה מיט פראַנקרייך אין 1871 פאַר זיך פאַרכאַפּט די פּראָווינצן עלזאַס און לאָטארינ־גיע מיט זייערע רייכע מעטאַל־גרובן, איז דאָס זיגרייכע לאַנד אַוועק אויף דעם וועג פון קאָלאָסאַלער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. עס איז שנעל געשטיגן די צאָל פון דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און עס איז צוגלייך מיט די קוואַנטיטאַטיוון וואוקס פון דעם אינדוסט־ריעלן פּראָלעטאַריאַט געוואַקסן זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַכט. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז נאָך אין יענע יאָרן ניט געווען דאָס, וואָס זי איז איצט, איז געוואָרן אַלץ מער איינגעפונ־דעוועט אין די רייען פון דעם ארבעטער־קלאַס. פון יאָר צו יאָר איז געוואָקסן די צאָל פון אָנהייגער און פון די שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די קאַנדידאַטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי.

אין 1871 האָט די פּאַרטיי אין די וואַלן צום רייכסטאַג געקראָגן 124,655 שטימען; אין 1877 האָט די צאָל שטימען שוין דערגרייכט ביז 493,288.

די בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די באַרימטע אַנטי־סאָציאַליסטן־געזעצן פון 1878. ביסמאַרק האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז די פאַרבאָטן וועלן ניט אָפּשטעלן די אַרבעטער פון קאַמף. ער האָט דאָס געקאָנט זען קלאָר, ווען אפילו אין 1881 האָבן די אַרבעטער זיך ניט געלאָזט טעראָריזירן און האָבן אָפּגעגעבן פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי 312,000 שטי־מען און שוין 550,000 שטימען אין 1884. ער האָט באַשלאָסן צו טויטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דורך באַרואיגן די אַרבעטער מיט „רעפאָרמען". דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ אין זיינע פּאַליאַטיוון האָט פאַרנומען אַ רייע געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

ביסמאַרק האָט אַליין ניט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז מיט די פאָרגעשלאָגענע געזעצן האָט ער באַצוועקט צו פאַרשלעפּערן די אַר־בעטער. זיי באַווייזן, אַז די רעגירונג „זאָרגט" פאַר זיי, אָפּטויטן ביי זיי דעם ווילן צום קאַמף און דעם גלויבן אין זיינע אייגענע כּוחות און אַזוי אַרום טויטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין דער „באַ־גרינדונג" צו זיינע פאָרגעשלאָגענע געזעצן זאָגט ביסמאַרק דעם 8טן מערץ 1881 אַזוי:

„מ'דאַרף קולטיווירן דעם באַגריף — ספּעציעל צווישן די קלאַסן, וואָס האָבן ניט קיין אייגנטום, און וואָס זיינען די צאָל־רייכסטע און די אומגעבילדעסטע טייל פון דער באַפעל־קערונג — אַז דער שטאַט איז ניט בלויז אַ נויטווענדיגקייט, נאָר אַ זייער נוצלעכע אינסטיטוציע. די דאָזיגע קלאַסן מוזן דורך קלאָרע און דירעקטע געווינסן, וואָס זיי וועלן האָבן אַ דאַנק אַ גינסטיגער געזעצגעבונג, אָנהויבן באַטראַכטן דעם שטאַט ניט אַלס אַן אינסטיטוציע, וואָס איז פאַרמירט געוואָרן אויף צו באַשיצן די בעסערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, נאָר ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס דינט זייערע נויטן און אינטערעסן. מיר דאַרפן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר דער מורא, אַז דורך אַזאַ געזעצגעבונג וועלן מיר אַריינפירן אַ סאָציאַליסטישן עלעמענט".

אין 1884 איז ביסמאַרק אַרויסגעטראָטן נאָך מער אויסגעשפּראָכן, און ער זאָגט אָפן אַזוי:

„פאַרזיכערט דעם אַרבעטער מיט אַ דזשאָב, ווען ער איז געזונט, פאַרזיכערט אים מיט הילף ווען ער ווערט קראַנק און באַוואָרנט אים אויף דער עלטער. שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר די קרבנות, וואָס מ'דאַרף צוטראָגן; מאַכט ניט קיין גוואַלט ווען

„סטייט־סאָציאַליזם", ווען מ'דערמאָנט, אַז מ'דאַרף באַזאָרגן די אַלטע לייט.

ווען דער שטאַט וועט אַרויסווייזן אַביסל מער קריסטלעכע זאָרג פאַר די אַרבעטער, וועלן סאָציאַליסטן זינגען זייער לידל אומזיסט — די אַרבעטער וועלן צו זיי ניט גיין".

אין שרעק פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, איז די דייטשע בורזשואַזיע איינגעגאַנגען אויף רעפאָרמען, צווישן וועלכע סאָציאַלע פאַרזיכערונג האָט פאַרנומען אַ וויכטיגן פּלאַץ.

דאָ דאַרף קלאָר ווערן, אַז אַט די רעפאָרמען זיינען ניט געווען קיין גנאַד, וואָס די באַלעבאַטים האָבן צוליב גוטהאַרציגקייט געשאָנקען די אַרבעטער. ניין. ווייל די אַרבעטער האָבן געפירט עקשנות'דיגע קאַמפן, איז די בורזשואַזיע געצוואונגען געווען איינצוגיין אויף געוויסע הנחות.

אָן קיין קאַמף וואָלטן די אַרבעטער אַט די אַלע מינימאַלע הנחות אויך ניט געקראָגן.

דאָס זעלבע איז געווען אין ענגלאַנד, וואו עס איז געווען אַ מעכטיגע אַרבעטער־באַוועגונג. די בורזשואַזיע האָט אין ערגעץ גאָרניט געגבן אָן קאַמף.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די פאַרשיידענע פאָרמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייראָפּע.

אין די פאָלגנדיגע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע איז איינגעפירט געוואָרן אָבליגאַטאָרישע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג:

לאַנד	יאָר, ווען געזעץ איז איינגעפירט געוואָרן
דייטשלאַנד רעווידירט אין	1927
ענגלאַנד	1911
איטאַליע	1919
פוילן	1924
עסטרייך	1920
בולגאַריע	1925
אירלאַנד	1920

אין די פאָלגנדיגע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע זיינען איינגעפירט געוואָרן פרייוויליגע מלוכה־פלענער פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג:

פראַנקרייך	1905
שפאַניע	1919
טשעכאָסלאָוואַקיע	1921

האלאנד — — — — — — — — — — —	1916
בעלגיע — — — — — — — — — — — —	1920
די שווייץ — — — — — — — — — —	1924
דענמארק — — — — — — — — — —	1921
נארוועגיע — — — — — — — — —	1922

(אין דער און אין דער פריערדיגער טאבעלע זיינען די לענדער אויסגערעכנט לויט דער גרויס פון זייער באפעלקערונג).

די הויפט־שטריכן פון די דאזיגע געזעצן זיינען ווי פאלגט:

דייטשלאנד:

עם זיינען בארעכטיגט צו ארבעטלאזער פארזיכערונג אלע אר־בעטער, וואס פארדינען יערליך ווייניגער ווי 6,000 מארק (ארום 1,430 דאלאר), און אלע אנגעשטעלטע, וואס פארדינען יערליך ווייניגער ווי 8,400 מארק (ארום 2,000 דאלאר). דינסטן זיינען אויך בא־רעכטיגט צו ארבעטלאזער פארזיכערונג, נאר געוויסע גרופן אגרי־קולטור־ארבעטער זיינען אויסגעשלאסן.

אינגאנצן זיינען בארעכטיגט צו אר־בעטלאזער פארזיכערונג אין דייטלאנד 18,200,000 ארבעטער.

די צאלונגען צו דעם פאנד פאר ארבעטלאזער פארזיכערונג ווערן געמאכט פון די ארבעטער און פון די באלעבאטים, וואס דארפן צו־טראגן יעדערער א סומע, וואס איז ניט גרעסער ווי זעקס און האלב פראצענט פון דעם באטרעף פון דעם לוין. דער ארבעטלאזער־פאנד קריגט, ווען נויטיג, הלואות פון דער מלוכה.

דער ארבעטער איז בארעכטיגט צו קריגן ארבעטלאזע פארזיכע־רונג בלויז אין דעם פאל, ווען ער האט אין די צוויי יאר פאר דער צייט, ווען ער גיט אריין זיין ערשטע אפליקאציע פאר ארבעטלאזער פארזיכערונג, געארבעט 52 וואכן און האט פאר דער דאזיגער צייט רעגלמעסיג געמאכט זיינע צאלונגען צו דעם פאנד פון ארבעטלאזער פארזיכערונג.

פאר יעדן ווייטערדיגן פאל, ווען ער ווענדט זיך נאך ארבעטלא־זער פארזיכערונג, דארף ער באווייזן, אז ער האט געארבעט 26 וואכן אין דעם פארגאנגענעם יאר און האט פאר דער צייט, ווען ער האט געארבעט, געצאלט זיין בייטראג צו דעם פאנד פאר ארבעטלאזער פארזיכערונג.

דער אַרבעטער מוז ווייזן, אַז ער איז אַרבעטלאָז ניט צוליב זיין אייגענעם ווילן, ניט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיגט ביי דער אַרבעט, און ניט צוליב דעם, וואָס אין דער אינדוסטריע גייט אָן אַ סטרייק.

טאָמער איז דער אַפּליקאַנט באַשעפטיגט ביי צופעליגע אַרבעטן אין דער צייט, ווען ער אַרבעט ניט ביי זיין רעגולערער באַשעפטיגונג, מוז ער באַווייזן, אַז זיין פאַרדינסט באַטרעפט ווייניגער ווי 20 פּראָצענט פון דער סומע, וואָס ער דאַרף קריגן אַלס אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג. ער דאַרף אויך פאַרזיכערן, אַז ער קריגט ניט קיין אַנדער פאָרמע פון נאַציאָנאַלע בענעפיטן (ווי פּענסיעס פאַר סאָלדאַטן און אַזוי ווייטער) און אַז ער קריגט ניט קיין שטיצע פון קיין אינסטיטוציע.

דער אַרבעטער פאַרלירט זיין רעכט צו קריגן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין פאַל ער זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען אַ דזשאַב, וואָס ווערט אים אָנגעבאָטן. פאַר יעדן פאַל פון אַזאַ אַנטזאַגונג פאַרלירט ער דאָס רעכט צו קריגן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין לויף פון אַכט וואָכן צייט.

אין די ערשטע 9 וואָכן פון זיין אַרבעטלאָזיגקייט מעג דער אַרבעטער זיך אָפּזאָגן אָננעמען אַן אַרבעט, וואָס באַלאַנגט ניט צו זיין פאַך. נאָך די 9 וואָכן איז ער מחויב אָנצונעמען וועלכע אַרבעט עס זאָל אים ניט אָנגעבאָטן ווערן.

ווי די פאַרזיכערונג ווערט אויסגעצאָלט

דער אַרבעטלאָזער מוז נאָך דעם, ווי ער פאַרלירט זיין אַרבעט, וואַרטן פאָלגנדיגע צייט ביז ער איז באַרעכטיגט צו קריגן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג:

14 טעג (אויב ער איז יינגער פון 21 יאָר).

7 טעג (ווען ער איז עלטער פון 21 יאָר).

3 טעג (ווען פון זיין פאַרדינסט הייגנען אָפּ 4 אָדער מער נפשות).

די אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג ווערט געצאָלט אין לויף פון 26 וואָכן.

די גרויס פון די צאָלונגען הייגנט אָפּ פון דעם, וויפיל דער אַרבעטער האָט פאַרדינט אין די לעצטע 26 וואָכן פאַר דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַרבעטלאָז. אין די גרופּן פון דעם נידעריגסטן פאַרדינסט דערגרייכט די סומע פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג ביז אַרום 75 פּראָצענט פון דעם פריערדיגן פאַרדינסט ; אין די גרופּן פון העכערן

פאַרדינסט דערגרייכט די צאָלונג ביז אַרום 35 פּראָצענט פון פריער־דיגן פאַרדינסט.

די צאָלונגען הייננען אויך אָפּ פון דער גרויס פון דער פאַמיליע פון דעם אַרבעטלאָזן.

דער דורכשניט פון אַרבעטלאָזן בענעפיט איז 57 מאַרק (אַרום 14 דאָלאַר אַ חודש). איבערעסן זיך מיט אַזאַ סומע קאָן מען ניט.

די פאַרוואַלטונג מיט דעם פאָנד פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכע־רונג ליגט אין די הענט פון אַ ספּעציעלער קאָמיטע, וואָס שטייט אונטער דעם אויפזיכט פון דעם אַרבעטער־מיניסטעריום. עס זיינען דאָ ספּעציעלע געריכטן צו אַנטשיידן וועגן דיספּוטן איבער די צאָ־לונגען פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

די לעצטע אינסטאַנץ פאַר אַפּילס איבער שטרייט־פראַגן אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיגע צאָלונגען איז די פעדעראַלע אינשורענס ביוראָ.

עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיגער געזעץ פאַר אַרבעטלאָזער פאַר־זיכערונג איז נאָך ווייט, ווייט פון דעם, אַז ער זאָל אַריינגעמען אַלע אַרבעטער פון דייטשלאַנד און אַז ער זאָל דעם אַרבעטלאָזן און זיין פאַמיליע באמת באַשיצן פון נויט.

אין פאַרבינדונג מיט די לעצטע אַנטוויקלונגען אין דייטשלאַנד איז זייער וויכטיג צו געדיינקען, אַז גראָד אין די לעצטע יאָרן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געוואָרן אַזאַ גרויסער שותף מיט דער בורזשואַזיע, איז די נישטיגע פאַרזיכערונג פאַר אַרבעט־לאָזע צוויי מאָל געשניטן געוואָרן.

די סאָציאַל־פאַררעטער, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד, זיינען זייער פאַר־אינטערעסירט, אַז דייטשלאַנד זאָל קאָנען אויסגעבן וואָס גרעסערע סוממען אויף קריגס־שיפן און אַנדערע מלחמה־צוועקן, נאָר זיי אַרט ניט, ווען פאַר דעם רייסט מען דעם ביסן פון מויל ביי די אַרבעטלאָזע.

זאָלן דאָס די אַרבעטער אין אַלע לענדער פון דער וועלט גוט גע־דיינקען.

ענגלאַנד:

די צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען באַרעכ־טיגט צו אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג, האָט אין 1930 דערגרייכט ביז 12,094,000.

צאָלונגען פאַר דעם פאָנד פון ארבעטלאָזער פאַרזיכערונג ווערן געמאַכט פון די אַרבעטער, פון די באַלעבאַטים און פון דער רעגירונג. דער אַרבעטער קריגט ניט קיין פאַרזיכערונג פאַר די ערשטע זעקס טעג פון אַרבעטלאָזיגקייט. די וועכנטלעכע סומע, וואָס אַן אַרבעט־לאָזער קריגט, איז פון אַ דאָלאַר 46 סענט פאַר אַרבעטער אינגער פון 17 יאָר, ביז 4 דאָלאַר און 14 סענט פאַר אַן אַרבעטער צווישן 21 און 65 יאָר. אַרבעטערינס קריגן פון אַ דאָלאַר 22 סענט אַ וואָך ביז 3 דאָלאַר און 65 סענט אַ וואָך. פאַר די מיטגלידער פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן פון די פאַרדינסטן פון דעם אַרבעטער, ווערט געצאָלט באַזונדער צו צוויי דאָלאַר מיט 19 סענט פאַר אַ דערוואַקסענעם און צו 49 סענט פאַר אַ קינד.

פאַר אַט דער דאָזיגער פרינצלעכער סומע ווערט איצט — לויט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, וואָס ווערט געפירט פון דעם „לייבאָר“ פרעמיער מעקדאָנאַלד — אַראָפּגעשניטן 10 פראָצענט.

יעדער אַרבעטער, וואָס איז אינשורט, קריגט אַ ביכל, אין וועלכן עס ווערן וועכנטלעך אַריינגעקלעפּט מאַרקעס אויף די סומען, וואָס ווערן איינגעצאָלט אין דעם פאָנד פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג. דאָס ביכל געפינט זיך ביי דעם באַלעבאָס, ביי וועלכן דער אַרבעטער איז באַשעפטיגט. ווען דער אַרבעטער פאַרלירט זיין דזשאַב, קריגט ער צוריק זיין ביכל און ער מוז עס דעפּאָזיטן ביי דעם נייעם באַלע־באָס, ביי וועלכן ער קריגט באַשעפטיגונג. ווען דער אַרבעטער האָט ניט קיין אַרבעט און ער קומט פאָדערן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג, דאַרף ער ברענגען זיין ביכל, וואָס איז אַ צייגעניש פאַר זיינע צאָלונ־גען, און אין וועלכן עס ווערן אַריינגעשריבן די סומען אינשורענס, וואָס ווערן דעם אַרבעטער אויסגעצאָלט.

ווי אין דייטשלאַנד, איז אויך אין ענגלאַנד די אַרבעטלאָזע פאַר־זיכערונג קוים־קוים גענוג אויף צו דערהאַלטן די נשמה.

אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייראָפּע זיינען די געזעצן וועגן אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג מער־ווייניגער ענלעך צו די געזעצן אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד. די הויפּט־אונטערשיידן זיי־נען ווי פאָלגט:

אין איטאַליע טראָגט די רעגירונג גאָרניט צו צו דעם פאָנד פון אַרבעטער־פאַרזיכערונג. אין עסטרייך ווערט געצאָלט אַרבעטלאָ־זע פאַרזיכערונג בלויז 30 וואָכן אין אַ צוועלף חדשים׳דיגן פּעריאָד. אין בולגאַריע בלויז 12 וואָכן אין לויף פון אַ יאָר. אין איטאַליע בלויז פון 3 ביז 4 חדשים אין לויף פון אַ יאָר. אין פּוילן ניט מער ווי

17 וואכן אין לויף פון א יאר.

די צאלונגען זיינען אזוי נידעריג ווי 11 סענט א טאג אין בול־גאריע צו אן ארבעטלאזן, וואס האט א פאמיליע, און 7 סענט פאר א ניט פארהייראטן. אין די אנדערע לענדער זיינען די צאלונגען אויך ניט פיל העכער.

די גאנצע צאל פון אינשורטע אין די אייראפייאישע קאפיטא־ליסטישע לענדער, וואו עס איז דא אבליגאטארישע פארזיכערונג געגן ארבעטלאזיגקייט, איז ווי פאלגט:

לאנד	צאל פון אינשורטע ארבעטער
דייטשלאנד	18,200,000
ענגלאנד	12,094,000
איטאליע	2,600,000
פוילן	1,033,000
עסטרייך	1,300,000
בולגאריע	290,000
אירלאנד	280,000

צוזאמען זיינען אינשורט געגן ארבעטלאזיגקייט ארום 33 מיליאן ארבעטער אין אייראפע. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס די דאזיגע פארזיכערונג איז א נישטיגע, וואלט אבער אן אט דער פארזיכערונג די נויט צווישן די ארבעטער־מאסן געווען נאך פיל, פיל שווערער.

עס איז גענוג צו דערמאנען, אז אין לויף פון די צען יאר, פון 1921 ביז 1931, איז אין ענגלאנד אליין אויסגעצאלט געווארן אין ארבעטלאזער פארזיכערונג די סומע פון ארום דריי ביליאן דאלאר (2,800,000,000 דאלאר). אין דייטשלאנד איז פון 1927 ביז 1931 אויסגעגעבן געווארן אויף ארבעטלאזער פארזיכערונג די סומע פון אנדערהאלבן ביליאן דאלאר. פריוואטע טשאריטי וואלט קיינמאל אזא ריזיגע סומע ניט צוגעשטעלט, שוין ניט רעדנדיג וועגן די באַ־ליידיגונגען, וואס די ארבעטער וואלטן געדארפט אריבערטראגן אויף צו קריגן א גראשן הילף.

קאַפּיטל 10

פּריווילעגע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע, וואו עס איז איינגעפירט פּריווילעגע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג, איז דער קאַפּי־טאַליסט אינגאַנצן פריי פון וועלכע ניט איז בייטראַגן צו אָט דעם פאָנד. ווי שוין דערמאָנט אין דעם פריערדיגן קאַפּיטל, איז אָט די סיסטעם איינגעפירט אין בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פינלאַנד, דענ־מאַרק, פראַנקרייך, שפּאַניע, נאָרוועגיע, די שווייץ און האָלאַנד.

די גרעסטע לאַסט פון די צאָלונגען צו די פּריווילעגע פאָנדן פאַלט אויף די אַרבעטער זעלבסט; די רעגירונג טראָגט צו בלויז אַ מינימאַלע סומע.

די דאָזיגע פּריווילעגע פאַרזיכערונג איז מערסטנס באַזירט אויף קאַסעס פון געגנזייטיגער הילף, וואָס עקזיסטירן אין די פאַרשידענע יונאָנס.

די הויפּט־שטריכן פון די דאָזיגע פּריווילעגע אינשורענס־פּלענער זיינען ווי פאָלגט:

כמעט אַלע אַרבעטער זיינען איינגעשלאָסן אין די דאָזיגע פּלע־נער. דאָרט, וואו די אַרבעטער דאַרפן אַליין דעקן די גרעסטע טייל פון די קאָסטן פון דער אינשורענס, זיינען די געזעצן זייער „לי־בעראַל". מ'טוט די אַרבעטער די „טובה" און מען דערלויבט זיי זיך אינשורן. די רעגירונג, ווי פריער אָנגעוויזן, טראָגט צו צו דער אינ־שורענס אַ קליינעם טייל.

אין דענמאַרק איז דאָ אַ באַגרענצונג אין באַצוג צו די, וואָס פאַרדינען מער ווי 15,000 קראָנער (אַרום 4,000 דאָלאַר). אין שפּאַ־ניע זיינען איינגעשלאָסן בלויז די אַרבעטער, וואָס פאַרדינען ווייניגער פון 4,000 פּעזעטאַס (אַרום 660 דאָלאַר) אַ יאָר.

די צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אינשורט אין יאָר 1930 אויף דעם באַזיס פון אָט די פּלענער, איז געווען ווי פאָלגט:

לאַנד	צאָל אינשורטע אַרבעטער
טשעכאָסלאָוואַקיע — — — — — —	1,300,000
בעלגיע — — — — — — — —	638,000
האָלאַנד — — — — — — — — —	191,000
די שווייץ — — — — — — — —	290,000
דענמאַרק — — — — — — — — —	277,000
פראַנקרייך — — — — — — — —	165,000
נאָרוועגיע — — — — — — — —	36,000

וועגן שפּאַניע זיינען קיין גענויע ציפערן ניטאָ.

פון דער געבראַכטער טאַבעלע איז קלאָר, אַז בלויז אַן אומ־באַדייטנדע טייל פון די אַרבעטער אין די דערמאָנטע לענדער האָט זיך באַנוצט מיט די דאָזיגע געזעצן פון פרייוויליגער פאַרזי־כערונג געגן אַרבעטלאָזיגקייט. פאַר דעם זיינען דאָ אַ סך אורזאַכן, צווישן וועלכע דעם הויפּט־פּלאַץ פאַרנעמט דער פאַקט, וואָס די אַר־בעטער קאָנען ניט אָפּשפּאָרן פון זייערע מאָגערע פאַרדינסטן אויף צו דעקן די נויטיגע קאָסטן פון פאַרזיכערונג .

אויב די געזעצן וועגן אָבליגאַטאָרישער אַרבעטלאָזער פאַרזיכער־רונג זיינען אַזוי ניט גענוגנדיג און זיי פאַרזיכערן אַזוי ווייניג, זיינען די געזעצן וועגן פרייוויליגער פאַרזיכערונג שוין גאָר גאָר נישטיג.

די אַנדערע פּונקטן פון די געזעצן וועגן פרייוויליגער אַרבעט־לאָזיגקייט־פאַרזיכערונג זיינען אומגעפער ווי פאָלגט:

אין פראַנקרייך טראָגט די רעגירונג צו צו דעם פרייוויליגן פאָנד פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג 33 פּראָצענט פון די אויסגאַבן אויף צאָלונגען צו די אַרבעטלאָזע.

אין בעלגיע אָפּערירט די פרייוויליגע פאַרזיכערונג דורך די פאַר־זיכערונגס־קאַסעס, וואָס עקזיסטירן ביי אַרום 300 יוניאָנס. די מלוכה טראָגט צו צוויי דריטל פון דער סומע, וואָס עס צאָלן איין די מיט־גלידער.

עס זיינען דאָ פאַלן, וואו די מוניציפּאַליטעטן שטיצן די דאָזיגע קאַסעס, נאָר די דאָזיגע שטיצע איז קיינמאָל ניט מער ווי אַרום 1 פּראָצענט פון דעם, וואָס עס צאָלן די מיטגלידער.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע זיינען דאָ 583 יוניאָנס, וואָס האָבן איינ־געפירט ביי זיך קאַסעס פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג. דער אַר־בעטלאָזער קריגט פון זיין קאַסע אַ שטיקל „הילף". די רעגירונג

גיט אַ צוגאָב־סומע, וואָס איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די סומע, וואָס די יוניאָן־קאַסע צאָלט, נאָר צוזאַמען קריגט דער אַרבעטלאָזער קוים אויף אַפּצוועסן.

אין האָלאַנד טראָגט די מלוכה צו פון 10 ביז 40 פּראָצענט און די מוניציפּאַליטעטן פון 5 ביז 30 פּראָצענט.

אין בעלגיע מוז אַן אַרבעטער, וואָס וויל געניסן פון אַט דער פריי־וויליגער פאַרזיכערונג, צאָלן פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג צום ווייניגסטן אַ יאָר צייט, איידער ער איז באַרעכטיגט צו קריגן בענעפיטן. אין דענמאַרק מוז ער אויך צאָלן צום ווייניגסטן אַ יאָר צייט און מוז באַווייזן, אַז ער איז געווען באַשעפטיגט צום ווייניגסטן 10 חדשים אין לויף פון די צוויי יאָר איידער ער ווענדט זיך נאָך בענעפיט. אין פראַנקרייך מוז די צאָלונג דויערן 6 חדשים איידער דער אַרבעטער איז באַרעכטיקט צו בענעפיטן. אין נאָרוועגיע מוז אַן אַרבעטער באַווייזן, אַז ער קאָן ניט קריגן קיין אַרבעט; ער מוז רעגולער זיך מעלדן אין די ספּעציעלע רעגירונגס־אַרבעטער־ביוראָען. אין שפּאַניע מוז אַן אַרבעטער צאָלן 3 חדשים איידער ער ווערט באַרעכטיגט צו קריגן בענעפיט.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז אַן אַרבעטער פאַרפליכטעט אָנצונעמען אַרבעט ביי רעגירונגס־בוי־פּראָיעקטן. אויב ער זאָגט זיך אָפּ און ער קאָן ניט באַווייזן, אַז ער איז פאַר אַט די אַרבעטן ניט פּאַסנד, פאַרלירט ער זיין רעכט אויף אַרבעטלאָזן־בענעפיט. אין דענמאַרק מוז אַן אַרבעטלאָזער באַווייזן, אַז ער האָט ניט קיין אָפּגעשפּאָרטע געלטער. אויב עס גייט אָן דעמאָלט אַ סטרייק אין וועלכער ניט איז אינדוסטריע אין דענמאַרק, קריגן אַרבעטלאָזן־בענעפיט בלויז די אַרבעטער, וועלכע זיינען פּאַסיוו אין סטרייק. די, וואָס באַטייליגן זיך אַקטיוו אין סטרייק, קריגן ניט קיין בענעפיט. אין דער שווייץ קאָן אַן אַרבעטלאָזער ניט קריגן קיין בענעפיט, אויב ער האָט פאַרלאָרן זיין אַרבעט צוליב דעם, וואָס ער איז מער ניט אַרבעט־פעיאיג.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע מוז אַן אַרבעטלאָזער פאַרלירן צום ווייניגסטן אַכט טעג צייט, איידער ער איז באַרעכטיגט צו פאָדערן בענעפיט. אין דענמאַרק קריגט אַן אַרבעטלאָזער ניט קיין בענעפיט פאַר די ערשטע 6 טעג פון אַרבעטלאָזיגקייט. אין פאַל פון סעזאָן־אַרבעטער איז דער פאַרלוסט אַזוי גרויס ווי 15 טעג, פאַר וועלכע דער אַרבעטלאָזער קריגט ניט קיין בענעפיט. אין פינלאַנד קריגט אַן אַרבעטלאָזער ניט קיין בענעפיט פאַר 6 טעג. אָפט גרייכט דער פאַרלוסט ביז 15 טעג.

די בענעפיטן ווערן געצאָלט אין לויף פון פאָלגנדיגער צייט:
אין טשעכאָסלאָוואַקיע — 26 וואָכן.
אין דענמארק — 70 טעג אין לויף פון 12 חדשים.
פינלאַנד — 90 טעג „ „ „
האָלאַנד — 60 טעג „ „ „
נאָרוועגיע — 90 טעג „ „ „
דאָס זעלבע אין שפּאַניע און אין דער שווייץ.

אין בעלגיע איז דער בענעפיט באַגרעניצט און דער מאַקסימום קאָן ניט זיין מער ווי דריי פערטל פון דעם רעגולערן פאַרדינסט, אין טשעכאָסלאָוואַקיע — צוויי דריטל פון דעם פאַרדינסט, אין פינלאַנד — פון צוויי ביז 25 סענט א טאָג, אין פראַנקרייך — א מאַקסימום פון 31 סענט א טאָג, אין האָלאַנד — א מאַקסימום פון 24 סענט פאַר ניט פאַרהייראַטע, און א דאָלאַר מיט פינף סענט פאַר פאַרהייראַטע מיט פאַמיליעס, אין נאָרוועגיע — א מאַקסימום פון 50 פראָצענט פון דעם נאָרמאַלן פאַרדינסט, אין שפּאַניע — א מאַקסימום פון 60 פראָצענט פון דעם נאָרמאַלן פאַרדינסט, אין דער שווייץ — א העלפט פון דעם נאָרמאַלן פאַרדינסט.

די פאָנדן שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג און ווערן רעגולירט אָדער פון ארבעטס־מיניסטעריום, ווי אין דעם פאַל פון בעלגיע און שווייץ, אָדער אונטער דער אויפזיכט פון מיניסטעריום פון געזעלשאַפטלעכער פאַרזאָרגונג, ווי אין דעם פאַל פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אָדער פון א ספּעציעלער רעגירונגס־ביוראָ, ווי אין דענמאַרק, פראַנקרייך און שפּאַניע.

די אויסגערעכנטע פונקטן פון דער פרייוויליגער פאָרמע פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג באַווייזן, אַז די אַרבעטער אין די דערמאָנטע לענדער האָבן נאָך גענוג צו קעמפן, ביז זיי וועלן פאַר זיך אַרויסרייסן אַזאַ פאַרזיכערונג — כאָטש נאָך אויך ניט קיין גענינגנדיגע — ווי עס האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפּט די אַרבעטער פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער אין אייראָפּע.

פראַנקרייך, האָלאַנד, נאָרוועגיע און דענמאַרק זיינען אין די יאָרן נאָך דער מלחמה געווען אין א ספּעציעל גינסטיגער לאַגע און זיי האָבן ווייניג געוואוסט פון אַרבעטלאָזיגקייט. ספּעציעל אין פראַנקרייך איז אָנגעגאַנגען אַזאַ אינדוסטריעלע אויפלעבונג, אַז מען האָט יערלעך אַריינגענומען אין די אינדוסטריען נייע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער. אין לויף פון די לעצטע יאָרן איז געגאַנגען א שטראָם פון אימיגראַציע קיין פראַנקרייך, ספּעציעל פון איטאַליע.

אפילו ווען עס האָט זיך שוין איינגעוואָרצלט דער קריזיס, האָט פראַנקרייך און די אַנדערע פריער דערמאָנטע לענדער פון קיין אַר־בעטלאָזיגקייט נאָך אַלץ ניט געוואוסט. אין די לעצטע אַכט־צען חדשים האָט זיך שוין אָבער די לאַגע אַנגעהויבן בייטן. דער שטראָם וואָס איז פריער געגאַנגען קיין פראַנקרייך, גייט שוין אויף צו־ריק. 1,700,000 אַרבעטער דרייען זיך אַרום אין פראַנקרייך אָן אַרבעט. דאָס איז אויך דער צושטאַנד אין אַלע אַנדערע פריער דערמאָנטע לענדער, וואָס האָבן געהאַט „פּראָספּעריטי", און נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס זיינען די אַרבעטער געטראָפן געוואָרן פון דעם קריזיס אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פינלאַנד, בעלגיע און שפּאַניע.

איצט, ווען עס האָט זיך אָנגערוקט אָט די גרויסע נויט, קאָנען ערשט די אַרבעטער זען ווי נישטיג עס איז די כלומר'שטדיגע „הילף", מיט וועלכער מ'האָט זיי באַזאָרגט אין דער פאָרמע פון אָט די געזעצן וועגן פרייוויליגער אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

די קאַפּיטאַליסטן זיינען אַנטשלאָסן אָט די נישטיגע „הילף" נאָך מער צו שניידן. אין יאַנואַר 1930 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַדן־באַדן, דייטשלאַנד, אַ קאָנפערענץ פון די אינדוסטריאַליסטן פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייראָפּע. די קאַפּיטאַליסטן האָבן פאַרהאַנדלט די אוממעגלעכע זאַך — ווי צו קומען צו אַ פאַרשטענדי־גונג צו פאַרמיידן די גאָרגל־שניידנדיגע קאָנקורענץ.

ביי דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז אויך אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז אַלע צאָלונגען פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג זאָלן אַרויפגעלייגט ווערן אויף די אַרבעטער.

געגן אָט דער אָפּענסיווע פון די באַלעבאַטים און געגן דער ניש־טיגער „הילף", וואָס באַצוועקט בלויז אָפּצונאַרן די הונגעריגע, דאַרפן די אַרבעטער אַרויסטרעטן אין אַנטשלאָסענע קאַמפן. דערפאַר פאָ־דערט מיט רעכט די רעזאָלוציע פון דעם פינפטן קאָנגרעס פון דעם רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל, אַז

„עס מוז אָנגעפירט ווערן אין אַלע לענדער אַ טעגלעכער, סיסטעמאַטישער, אַנטשיידענער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַר־זיכערונג. עס מוז געפירט ווערן אַ קאַמף, אַז מ'זאָל ביי די אַרבעטער ניט צונעמען דאָס, וואָס זיי האָבן שוין אויסגעקעמפט. עס דאַרף אַנטוויקלט ווערן אַ קאַמף געגן סאָציאַלער־רעאַקציע. עס דאַרף אַראָפּגעריסן ווערן די מאַסקע פון די סאָציאַל־פאַ־שיסטן אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַר־

זיכערונג. די אַגענטורן פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן צו פֿאַרשטאַרקן דעם רעוואָלוציאָנערן אַר־בעטער־פֿראָנט. די וויכטיגסטע אויפֿגאַבע פֿאַר די אַרבעטער פֿון דער וועלט איז דער קאַמף פֿאַר דער פֿאַרזיכערונג פֿון אַר־בעטלאָזער פֿאַרזיכערונג".

די איצטיגע קאָלאָסאַלע אַרבעטלאָזיגקייט, וואָס האָט אַרויס־געוואָרפֿן אויף דער גאַס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פֿון דער וועלט אַ ריזיגע אַרמיי פֿון 30,000,000 אַרבעטער, האָט דרינגענד אַוועקגעשטעלט אויף דעם סאַמע פֿאָדערגרונט די פֿראַגע פֿון קאַמף פֿאַר אַרבעטלאָזער פֿאַרזיכערונג סיי אין די לענדער, וואו עס איז דאָ אַרבעטלאָזע פֿאַרזיכערונג, און וואו מ'פֿאַרמעסט זיך זי צו שניידן, און אודאי און אודאי אין די לענדער, וואו קיין סאָציאַלע פֿאַרזיכע־רונג איז אינגאַנצן ניטאָ.

קאַפּיטל 11

סאָציאַלע פאַרזיכערונג און קלאַסן־קאַמף

די אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן ביז איצט נאָך ניט אויסגע־קעמפט פאַר זיך קיינע געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט איז אויף אָט דעם געביט אַ סך מער הינטערשטעליג ווי אַ סך פון די עקאָנאָמיש גאָר אָפּגעשטאַנענע לענ־דער. אפילו דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט זיך געפילט געצוואונגען איינצופירן געוויסע געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וועגן וועל־כע אַמעריקע האָט דעמאָלט גאָר ניט געוואָלט טראַכטן.

אין דער פאַשיסטישער בולגאַריע, אין דער פאַשיסטישער פּוילן, אין דער פאַראָרימטער עסטרייך און אין אירלאַנד איז די געזעצגע־בונג פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג אויף צענדליגער שטאַפּלען העכער פון די פאַר מיזעראַבלע קאָמפּענסאַציע־געזעצן און די פאַר נישטיגע פּענסיע־געזעצן, וואָס זיינען דאָ אין אַמעריקע.

דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס די רעגירונגען פון די דערמאָנטע לענדער, אָדער די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פון דייטשלאַנד און פון פראַנקרייך, וואו עס איז דאָ אַ נאָך פיל ברייטערע סאָציאַלע געזעצגעבונג, זיינען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם וואוילזיין פון די מאַסן. דאָס זיכער ניט. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָרט מוזן די רע־גירונגען זיך מער רעכענען מיט די מאַסן, וואָס וועלן ניט איבערטראָגן געהאָרכזאַם זייערע ליידן, און וויל מ'מוז זיי צוטראָגן כאָטש אַ מינימום פון שטיצע.

אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אין דער אָפיציעלער יוניאָן־באַוועגונג געפונען פאַר זיך זיין מעכטיגסטן אָנהאַלט.

די אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר טרעט אַרויס געגן סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג. איצט, נאָך צוויי יאָר פון דעם שאַרפסטן עקאָ־נאָמישן קריזיס אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, האָט די אַמעריקען

פעדערײשאָן און לײבאָר נאָך אַמאָל פאַרפּיקסירט איר געגנערשאַפט צו אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

עס זײנען שױן אַפּילו אין די רײען פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר דאָ אַזעלכע, װאָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר די שטימונגען צװישן די מיליאָניקע הונגעריקע אַרבעטלאָזע, און זײ זײנען בײ דער לעצטער קאָנװענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר אַרױסגעטראָטן פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג, נאָר די מאַשין פון די יוניאָן־רעקעטירם האָט צוריקגעשלײדערט אָט די אַלע פאָרשלאָגן. די איבערגעפּרעסענע „אַרבעטער־פירער" האָבן דערקלערט, אַז „אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג װעט זיך נישט אַרײנפּאַסן אין אונזערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און װעט ניט זײן צופרידנשטעלנד פאַר די אַמעריקאַנישע אַרבעטער און אַרבעטערינס".

די פאָרשלאָגן צו פאָדערן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג זײנען בײ דער לעצטער קאָנװענשאָן אין װאַנקואַװער נידערגעשטימט געװאָרן.

אָט די שטעלונג פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר צו דער פראַגע פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג, װי איר שטעלונג צו אַ סך אַנדערע ענלעכע פראַגע, איז ניט קײן צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל און אָרגאַניזאַציאָנעלן געבױ פון דער דאָזיגער באַסיש־טרײער אָרגאַניזאַציע. די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר איז כמעט אױסשליסלעך די אָרגאַניזאַציע פון דער אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעט. די יוניאָן־ביוראָקראַטיע, װאָס אָט די אָרגאַניזאַציע האָט קולטיװירט, איז געװאָרן אַ פעסטער זײל פון דעם קאַפּיטאַליזם. אַ גאָר גרױסע צאָל פון די יוניאָן־ביוראָקראַטן זײנען שותּפים אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אַלע יוניאָן־פירער זײנען פאַרבונדן מיט דער אָדער אַ צװײטער פון די הערשנדיקע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטײען. אַלע יוניאָן־פּאָליטישענס שטרעבן צו דערדינען זיך בײ די רעגירער צו הױכע מלוכה־שטעלעס. דער פּאַך־יוניאָניזם האָט גאָר אַרײנגעשפּילט די פאַררעטער אין די הענט און האָט געשאַפן אַ מענגלעכקײט, אַז עס זאָל אױסװאַקסן אַ גאַנצע אַרמײ פון אַזעלכע פאַררעטער. דערפאַר קעמפן אָט די ביוראָקראַטן אַזױ, אַז אַלץ זאָל בלײבן בײם אַלטן, אַז ניט דער צוזאַמענשטעל און ניט דער געבױ פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר זאָל געענדערט װערן.

עס איז קלאָר, אַז אַט די „אַרבעטער־פּאַרטרעטער" וועלן אַלע מאָל פאָלגן דעם ווילן פון די באַסעס און וועלן ניט דערלאָזן צו דעם, אַז עס זאָל אויפגעהויבן ווערן אַ קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דעם דאָזיגן קאַמף מוזן די אַרבעטער אין אַמעריקע אויפהויבן איבער די קעפּ פון דער אָפיציעלער יוניאָן־באַוועגונג און ניט געקוקט אויף איר שטערונג.

דער לעצטער הונגער־מאַרש, וואָס איז פון די קעמפנדיגע אַרבעטער דורכגעפירט געוואָרן דעם 7טן דעצעמבער 1931 אין וואַשינגטאָן ביי דער דערעפענונג פון דער ערשטער סעסיע פון דעם 72טן קאָנגרעס, האָט באַוויזן, אַז דער איינציגער וועג פאַר די אַרבעטלאָזע צו ראַטעווען זיך פון הונגער איז צו קעמפן פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג.

באַלד נאָך דעם הונגער־מאַרש האָט אַ סענאַט קאָמיטע אָנגעהויבן אַ פאַרהער וועגן שאַפן „הילף" פאַר אַרבעטלאָזע. די אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, וואָס האָט פאַרדאַמט דעם הונגער־מאַרש, וואָס האָט ערשט געזאָגט, אַז מ'דאַרף ניט קיין אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג און אַז דער אַמעריקאַנער אַרבעטער וויל ניט קיין „דאָול", האָט זיך דערפילט געצוואונגען — כדי ניט אויפרעגן געגן זיך די אַרבעטער — צו שיקן מעקריידי'ן צו דער סענאַט קאָמיסיע צו רעדן פאַר דעם, אַז די רעגירונג מוז „עפּעס טאָן" פאַר די אַרבעטלאָזע.

עס דאַרף פאַר די אַרבעטער ווערן קלאָר, אַז דער באַשלוס פון דעם פינפטן קאָנגרעס פון דעם רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל וועגן דער נויטווענדיגקייט פון אַן אַנטשלאָסענעם און סיסטעמאַטישן קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג איז ספּעציעל אָנווענדבאַר צו אַמעריקע.

דאָ האָבן די אַרבעטער די אַנטשלאָסענע געגנערשאַפט ניט נאָר פון דער בורזשואַזיע, נאָר, ווי שוין אָנגעוויזן, אויך פון דער אַזוי־גערופענער „יוניאָן־באַוועגונג". ניט נאָר וועט די בורזשואַזיע ניט נאָכגעבן קיין קאָנצעסיע אָן קאַמף, נאָר זי באַווייזט, אַז זי איז גרייט צוריקנעמען ביי די אַרבעטער די קאָנצעסיעס, וואָס זיי האָבן שוין פאַר זיך פריער אַרויסגעריסן.

אין אַמעריקע, ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז אַט דער קאַמף איצט נאָך שווערער דערפאַר, ווייל מען מוז קעמפן ניט בלויז געגן די אָפענע שונאים פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, נאָר אויך געגן די סאָציאַל־פאַשיסטישע כלומרשטדיגע פריינט פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אין אַט דעם קאַמף געגן די סאָציאַל־פאַשיסטן וועלן די אַרבעטער דאַרפן מאַכן די מחיצה צווישן סאָציאַל־רעפאָר־

מיזם און צווישן געווינסן, וואָס ווערן אַרויסגעריסן אין רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף. אין אַט דעם אונטערשייד ליגט דאָס הויפּט־געוויכט פון דעם, צי די אַרבעטער זאָלן זיך לאָזן אָפּנאַרן מיט געוויסע פּאַר־מען פון אַ נישטיגער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס זאָל זיי אונטער־געטראָגן ווערן אַלס אַ גנאַד פון די באַלעבאַטים, אָדער זיי זאָלן קעמ־פען פאַר אַ פאַרצוויינטער פאָרמע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס זיי זאָלן קריגן ניט אַלס מתנה, נאָר אַלס דאָס, וואָס עס קומט זיי.

לענין האָט צוגעגעבן אַ גאָר גרויסע באַדייטונג דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און ער האָט אויך אָנגעצייכנט די רע־וואָלוציאָנערע פאָדערונגען פאַר אָט דער פאַרזיכערונג.

ביי דער קאָנפערענץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין פּראַג אין 1912 האָט חבר לענין אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע אי־בער דער פראַגע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

די רעזאָלוציע לייענט זיך טיילווייז אַזוי:

„די בעסטע פאָרמע פון פאַרזיכערן די אַרבעטער איז מלוכה־פאַרזיכערונג אויף פאָלגנדיגן באַזיס:

1) דער אַרבעטער מוז פאַרזיכערט ווערן אויף אַלע פאַ־לען, ווען ער פאַרלירט זיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן דורך אַן אומגליקספאַל, קראַנקהייט, עלטער, ווייל ער ווערט אַן אינוואַ־ליד אָדער דורך אַרבעטלאָזיגקייט. פענסיעס פאַר געווינעריגס, פענסיעס צו אַלמנות און יתומים זיינען אַ דרינגנדע נויטווענ־דיגקייט.

2) די פאַרזיכערונג מוז אַריינגעמען אַלע אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס.

3) אַלע אינשורטע דאַרפן פאַרגיטיגט ווערן לויט דעם פּרינציפּ פון פולע ווייזשעס. די גאַנצע אויסגאַבע אויף דער אינשורענס דאַרף געדעקט ווערן פון דעם באַלעבאָס און פון דעם שטאַט.

4) דער אַרבעטער זאָל פאַרוואַלטן און קאָנטראָלירן די אינשורענס־פאָנדן".

די סאָציאַל־פאַשיסטן, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען אויך פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ווילן ניט קיינע פון אָט די פאָר־מען פון אמת'ער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. זיי האָבן דאָס געוויזן דורך די באַשלוסן פון דעם אַמסטערדאַמער געלן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דערקלערט אַזוי:

„די מיטלען פאַר דער פאַרזיכערונג זאָלן געשאַפן ווערן דורך בייטראַגן פון די באַלעבאַטים און פון די אַרבעטער, ווי אויך דורך בייטראַגן פון די מוניציפּאַליטעטן".

די גלעלע האָבן אויפגעגעבן די פאָדערונג, וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אין אַ רעזאָלוציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס נאָך אין יאָר 1889, אַז די פאַרוואַלטונג מיט דער סאָציאַלער פאַרזיכרוענג זאָל זיין אין די הענט פון די אַרבעטער זעלבסט.

איצט רעדט דער גלעלער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל וועגן דעם, אַז:

„די אַדמיניסטראַציע פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג זאָל זיין אין די הענט פון אַן אומאָפּהענגיגער קערפּערשאַפט אונטער דעם קאָנטראָל פון דער מלוכה און זאָל אויך איינשליסן פאַרטרעטער פון די אינשורטע".

דער באַריכט פון דעם פינפטן קאָנגרעס פון דעם רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל זאָגט דערפאַר מיט רעכט, אַז:

„דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל פאָדערט באַוואוסטזיניג די פאַשיזירונג פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער".

רעדנדיג דירעקט וועגן די אויפגאַבן און פליכטן פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין אַמעריקע, זאָגט דער באַריכט פון רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל אַזוי:

„אין אַמעריקע קריגן די אַרבעטלאָזע ניט קיין איין סענט בענעפיט. די רויטע יוניאָנס אין אַמעריקע קריגן דורך דעם די בעסטע געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן זייער איינפלוס צווישן מיליאָנען אַרבעטער".

דער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג איז אַזוי אַרום אַ דירעקטע טייל פון דעם קלאַסן־קאַמף און דאַרף אויסגענוצט ווערן אויף צו געווינען נייע מיליאָנען אַרבעטער פאַר דעם אויסגעהאַלטענעם קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם.

די געווינסן, וואָס די אַרבעטער וועלן פאַר זיך אַרויסרייסן אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וועלן שטאַרקן זייערע הענט צו פאַרטזעצן זייער קאַמף געגן זייערע אונטערדריקער. עס איז פאַלש דער צוזאַגג פון די, וואָס האַלטן, אַז אויב די אַרבעטער וועלן פאַר זיך אויסקעמפן געזעצן וועגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וועלן זיי פאַ׳סמ׳ט ווערן פון אַט די געווינסן און וועלן מער ניט קעמפן

נעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן. דאָס איז פּונקט אַזוי פאַלש, ווי מ׳זאָל זאָגן, אַז די אַרבעטער דאַרפֿן ניט קעמפֿן נעגן לוין־רעדוצירונגען און פאַר לוין־העכערונגען, ווייל דורך די געווינסן וועלן זיי פאַר׳סמ׳ט ווערן און וועלן ניט קעמפֿן נעגן קאַפּיטאַליזם.

די קאַפּיטאַליסטישע „רעפאָרמען״, ווי: „באָנוסעס״, גרופּן פאַר־זיכערונג אויף דעם חשבון פון די אַרבעטער, קאָמפּאַני־יוניאָנס מיט זייערע אינשורענס־„סקימס״ — דאָס איז זיכער פאַר די אַרבעטער סם, נאָר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן פאַר אַלע אַרבעטער פון לאַנד אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען און אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער זעלבסט — דאָס איז זיכער אַ געווינס, וואָס וועט דערמוטיגן די אַרבעטער צו ווייטערדיגע קאַמפן.

דאָס מוזן די אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד זייער שטאַרק אין זינען האָבן אין די איצטיגע הונגער־מאַרשן, ווען עס ווערט געפאָדערט באַלדיגע הילף און אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג.

אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג מוז געפאָדערט ווערן פאָלגנדעס:

1. סאָציאַלע פאַרזיכערונג נעגן אַרבעטלאָזיגקייט.
2. סאָציאַלע פאַרזיכערונג נעגן אומגליקספאַלן ביי דער אַרבעט.
3. סאָציאַלע פאַרזיכערונג אויף דעם פאַל פון קראַנקהייט, אריינרעכענעדיג אי ווייזדזשעס, אי אַלע מעדיצינישע אויסגאַבן.
4. סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר אַלטע לייט.
5. פּענסיעס פאַר אַלמנות און יתומים.

די גאַנצע פאַרזיכערונג זאָל זיין אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען.

דער אַרבעטער זאָל קריגן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער קאָן ניט אַרבעטן, די פולע סומע פון זיין פריערדיגן פאַרדינסט.

דער פאַרזיכערונגס־פאָנד זאָל פאַרוואַלטעט ווערן פון די אַר־בעטער זעלבסט.

קיינע דיסקרימינאַציעס זאָלן ניט געמאַכט ווערן ביים איינפירן סאָציאַלע פאַרזיכערונג נעגן אַרבעטער צוליב זייער ראַסע, געבורט אָדער פּאָליטישער אָנגעהעריגקייט.

עס זאָל אויך ניט זיין קיין דיסקרימינאַציע אין באַצונג צו דעם, וואו עס וואוינט די פאַמיליע פון דעם געטראָפענעם אַרבעטער.

עס מוז אָבער אונטערשטראָכן ווערן, אַז, ווי פאַרצווייגט עס זאָל ניט זיין די נעץ פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, מיינט דאָס ניט

קיין רפואה געגן דער מכה פון קאַפּיטאַליזם. עס בלייבט איבער עקס־פּלואַטאַציע; עס בלייבט איבער די שטענדיגע מורא פאַר מאָרגנדיגן טאָג; עס בלייבט איבער דער קאָנטראַסט פון נויט זייט ביי זייט מיט משוגענעם לוקסוס; עס בלייבט איבער דער וואַקסנדיגער קאָנ־פליקט צווישן די קאָנקורירנדיגע קאַפּיטאַליסטישע גרופּירונגען; עס זאַמלט זיך אָן דער ברען־שטאָף פאַר אימפּעריאַליסטישע מלחמות; עס בלייבט די צעפוילטע אָרדענונג מיט אַלע אירע אומגליקן — די אַרויסגעריסענע פאַרדינסטן קאָנען ניט פאַרבלענדן דעם אַרבעטער, נאָר, ראַטעוועדיג אים אויף דעם מאָמענט פון הונגער־טויט, פאַרקלענערנ־דיג אַביסל די שוידערלעכע נויט, וואָס דער אַרבעטער לײדט, ווען ער ווערט קראַנק, צעקאַליעטשעט אָדער אַרבעטלאָז, שטאַרקן זיי אים נאָך אַנטשלאָסענער, נאָך באַוואוסטזיניגער און נאָך אומאויפהערלעכער צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף פאַר זיין פולשטענדיגער באַפרייאונג.

קאַפּיטל 12

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן און דער קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג

א פּראָלעטאַרישע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע איז ניט קיין אינ־שורענס־געשעפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט שרייבן פּאָליסים און מאַכן פּראָפיטן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַצוועקט צו דינען און באַזאָרגן דעם אַרבעטער אַלס אַ קלאַסן־אָרגאַניזאַציע און צו זיין אַ טייל פון די אינסטרומענטן, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך אין זיין קאַמף, מוז זיך שטעלן נאָך אַנדערע אויפגאַבן.

די דירעקטע אויפגאַבן פון אַ פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַלער אָר־גאַניזאַציע זיינען ווי פאָלגט: געוויסע פאָרמען פון אַ מינימאַלער פאַר־זיכערונג פאַר קראַנקן־און טויטן־פאַלן, קולטור־דערציערישע טעטיג־קייטן און אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיט די אַלע קאַמפן, וואָס עס פירט דורך דער אַרבעטער־קלאַס.

אין דער דורכפירונג פון אָט די אויפגאַבן שטויסט זיך די אויס־געהאַלטענע פּראָלעטאַרישע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע אָן אויף פּראָב־לעמען, וואָס שטעלן פאַר איר דרינגענד אַוועק די נויטווענדיגקייט צו ווערן אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַר־זיכערונג.

ווי אַזוי קומט דער פּראָלעטאַרישער אָרדן צו אַזאַ אויספיר?

דער אָרדן ווערט געגרינדעט דערפאַר, וואָס די אַרבעטער אין אַזאַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואו עס איז ניטאָ קיין פאָרמע פון סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג, זוכן זיך באַזאָרגן כאָטש מיט אַ קליינעם מיני־מום פון געגנזייטיגער הילף אויף דעם פאַל, ווען זיי ווערן קראַנק, און צו באַזאָרגן די פאַמיליע כאָטש מיט אַ קליינער סומע אינשורענס נאָך דעם טויט פון דעם פאַרדינער. אין בעסטן פאַל קאָן בלויז אַ גאָר קליינער טייל פון די אַרבעטער זיך באַזאָרגן מיט אַזאַ פאָרמע פון פאַרזיכערונג. דער אָרדן קאָן דערפאַר זיך ניט באַנוגענען מיט דעם,

וואָס ער נעמט אַריין אין זיינע רייען עטלעכע צענדליג טויזנט מיט־גלידער. ער מוז זיך שטעלן די פראַגע: ווי אַזוי קאָן דערגרייכט ווערן אַ צושטאַנד, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן קריגן כאָטש אַ מינימום פֿאַרזיכערונג אויף די פאַלן, ווען זיי פאַרלירן זייער אַרבעט צוליב קראַנקהייט, אָדער דורך אַן אומגליק ביי דער אַרבעט, אָדער צוליב אַרבעטלאָזיגקייט, אָדער צוליב דעם, וואָס זיי ווערן עלטער. עס מוז געשטעלט ווערן די פראַגע ווי צו פאַרזאָרגן די פאַמיליעס פון די אַרבעטער אויף דעם פאַל, ווען דער הויפּט פון דער פאַמיליע שטאַרבט אוועק.

די אָרגאַניזאַציע פאַר געגנזייטיגער הילף, ווי שוין פריער דערמאָנט, קאָן ניט דערוואַרטן, אַז די מיליאָניגע מאַסן אַרבעטער זאָלן זיך אָנשליסן אָן פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ווי קליין עס זאָלן ניט זיין די צאָלונגען, זיינען דאָ מיליאָנען אַרבעטער, וואָס קאָנען די צאָלונגען ניט נאָכקומען. ניט נאָר זיינען די מיליאָנען אַרבעטלאָזע ניט אין קיין לאַגע צו מאַכן וועלכע ניט איז צאָלונגען, נאָר אפילו אַ גרויסע טייל פון די, וואָס אַרבעטן, האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אָפּצורייסן אפילו אַ סענט פון זייער מאָגערן בודזשעט.

דער פאַקט, וואָס אין די לעצטע צוויי יאָר איז בטל געוואָרן „אינדוסטריעלע" אינשורענס (די אינשורענס פון דער אָרעמער טייל פון דער באַפעלקערונג) אויף דער סומע פון נייַן ביליאָן דאָלאַר, באַווייזט, אַז די מאַסן האָבן ניט קיין מעגלעכקייט מיט זייערע אייגענע פאַרדינסטן אָנצוהאַלטן פאַר זיך אפילו אַ מינימום פון פאַרזיכערונג.

אין די פאַרשידענע פראַטערנאַלע אָרדנס איז די מיטגלידערשאַפט אין די לעצטע יאָרן שטאַרק איינגעדאַרט געוואָרן. די אָרדנס, וואָס באַזירן זיך מערסטנס אויף אַרבעטער, האָבן געליטן אַם שטאַרקסטן. דאָ זיינען, נאַטירלעך, געווען ניט בלויז עקאָנאָמישע, נאָר אויך אידעאָלאָגישע אורזאַכן פאַר דעם פאַרלוסט פון דער אַרבעטער־מיטגלידערשאַפט. אַ גאָר גרויסע ראָל האָט דאָ געשפּילט דער פאַקט, וואָס מיט דעם אויפוואַכנדיגן קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער־מיטגלידער ווערט פאַר זיי אַלץ מער קלאָר, אַז זיי טאָרן ניט באַלאַנגען צו אַ פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, אויב זי איז ניט מיט זיי אין אַלע זייערע קאַמפן און אויב זי נוצט אירע רעסורסן און איר איינפלוס אין די אינטערעסן ניט פון די אַרבעטער, נאָר פון זייערע שונאים.

די געשיכטע פון דעם „אַרבעטער"־רינג און פון דעם אינדעפּענדענט „אַרבעטער"־רינג פאַר די לעצטע יאָרן איז אַ קלאָרער ביישפּיל פון אַט דעם צושטאַנד, ווען די אַרבעטער הויבן זיך אָפּטרייסלען פון די אָרגאַנאַניזאַציעס, וואָס זיי האָבן געבויט פאַר זייער אייגענער

פאַרזיכערונג, נאָר וואָס ווערן פון פאַררעטער אָוועקגעשלעפּט אויף דעם וועג פון אינשורענס־סאָסייעטיס, פון באַגרעבעניש־געזעלשאַפטן און פון שטיין־פּונקטן פאַר די שונאים פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די צענדליגע טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם „אַרבעטער"־רינג, די טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם אינדעפּענדענט, האָבן דאָס געטאָן דערפאַר, וואָס זיי האָבן מער ניט געוואָלט באַלאַנגען צו אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגן אויף זיך אַ פאַלשע שילד; וואָס אַנשטאָט צו זיין אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער, זיינען זיי געוואָרן אָרגאַניזאַציעס צו פאַרקנעכטן די אַרבעטער צו די באָסעס.

עס איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז אַ סך טויזנטער אַרבעטער זיינען אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעפאַלן פון פּראָטערנאַלע אָרדנס דערפאַר, וואָס די דאָזיגע אַרבעטער האָבן צוליב זייער נויט ניט געקאָנט נאָכקומען אפילו די מינימאַלסטע צאָלונגען.

דער טאַראַראַם אַרום „לייף אינשורענס"

די קאַפּיטאַליסטן מאַכן אַ גאָר גרויסן ווען פון דעם, וואָס אין אַמעריקע איז איצט אין קראַפט לעבנס־פאַרזיכערונג אויף דער סומע פון העכער הונדערט און צען ביליאָן דאָלאַר. ווען מ'זאָל אָט די סומע צעטיילן אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, וועט זיך אָננעמען אַ דורכשניט פון אַרום 900 דאָלאַר אויף יעדן מאַן, פרוי און קינד. דאָס וואָלט געמיינט, אַז דער דורכשניט פון פאַרזיכערונג אויף אַן אַרבעטער־פאַמיליע וואָלט געווען אַרום 5,000 דאָלאַר. פון אַזאַ ציפער וואָלט מען געקאָנט ציען אַ שלוס, אַז די אַרבעטער קאָנען זיך אַליין באַזאָרגן מיט אינשורענס, אַז זיי דאַרפן ניט פאָדערן פאַר זיך קיין פאַרזיכערונג אויף דעם חשבון פון דער מלוכה. דער דאָזיגער דורכשניט איז אָבער פּונקט אַזאַ באַווייז פון דעם צושטאַנד פון לעבנס־פאַרזיכערונג פאַר יעדער אַרבעטער־פאַמיליע, ווי עס האָט אַ ווערט דער „דורכשניט" פון דעם פאַרמעגן פון יעדער פאַמיליע, וואָס ווערט אויסגערעכנט אויף דעם באַזיס פון צעטיילן דאָס גאַנצע רייכטום פון לאַנד אויף דער צאָל פון די איינוואוינער פון לאַנד.

פון 120 מיליאָן פּאָליסים, וואָס זיינען אין 1930 געווען אין קראַפט אין אַמעריקע, זיינען 90 מיליאָן פּאָליסים געווען פאַר „אינדוסטריעלער" אינשורענס. דער דורכשניט פון אָט די פּאָליסים איז געווען אויף דער ריזיגער סומע פון 176 דאָלאַר. ווי מיר האָבן שוין געזען פריער, איז אפילו פון אָט דער נישטיגער אינשורענס אין די

לעצטע צוויי יאָר אָפּגעשניטן געוואָרן די סומע פון ניין ביליאָן דאָלאַר.

די ריזיגסטע טייל פון די ביליאָנען דאָלאַר אין אינשורענס גייט אויף דעם חלק פון די געלט־זעק, וואָס האָבן סיי־ווי מיט וואָס צו באַוואָרענען זייערע פאַמיליעס. 285 מיליאָנערן האָבן יעדער איינער אינשורענס מער ווי אויף אַ מיליאָן דאָלאַר. דער מאַגנאַט דיו פּאָנט איז פאַראינשורט אויף דער סומע פון 7,000,000 דאָלאַר. דאָס איז פונקט אַזוי פיל אינשורענס, ווי עס האָבן 40,000 אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן „אינדוסטריעלע" אינשורענס.

14,000 פּאָליסים זיינען אויף דער סומע צווישן 50,000 און אַ מיליאָן דאָלאַר. פון די הונדערט און צוואַנציג מיליאָן פּאָליסים אויף דער סומע פון הונדערט און צען ביליאָן דאָלאַר נעמט זיך אָן אויפן חלק פון 15,000 פּאָליסים די סומע פון 10,000,000,000 דאָלאַר. דאָס מיינט, אַז אויף איין אכציגט חלק פון איין פּראָצענט פון אינ־שורטע נעמט זיך אָן אַכט פּראָצענט פון דער גאַנצער אינשורענס, וואָס איז אין קראַפט אין לאַנד. דאָס מיינט, אַז די אינשורענס פון אַ פּאָר צענדליג טויזנט רייכע באַטרעפט פונקט אַזויפיל, וויפיל עס באַטרעפט די „אינדוסטריעלע" אינשורענס פון 50 מיליאָן אָרימעלייט.

דער קריזיס האָט געפירט צו דעם, אַז עס זאָל בטל ווערן אַ גרויסער טייל פון דער אינשורענס, וואָס איז שוין געווען אין קראַפט, און אויך צו דעם, אַז עס זאָל באַדייטנד פאַרקלענערט ווערן די סומע פון נייער אינשורענס.

לויט דעם באַריכט פון דער „אַסאָסיאיישאָן אָוו לייף אינשורענס פּרעזידענטס" איז אין סעפּטעמבער 1931 געווען אַ פאַרקלענערונג אויף 19 און אַ האַלב פּראָצענט אין דער סומע פון נייער אינשורענס, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם מאָנאַט, אין פאַרגלייך מיט דער אינשורענס, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם זעלבן חודש לעצטן יאָר, וואָס איז שוין אויך געווען אַ קריזיס־יאָר.

אין די לעצטע יאָרן האָט מען אויך אַ סך טאַראַראַמעוועט מיט דער נייער פאָרמע פון גרופּן־אינשורענס. די דאָזיגע פאָרמע פון פאַר־זיכערונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר גאַנצע גרופּן אָנגעשטעלטע אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען. מערסטנטיילס איז אָט די אינשורענס אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די אַזוי־גערופענע „ווייסע־קאָלנער־קנעכט" (אָפיס־אָנגעשטעלטע און אָנגעשטעלטע אין קראָמען). אין איינציגע אינ־

דוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען די דאָזיגע גרופּן־פּאָליסים אַרויסגע־
געבן געוואָרן אויך פאַר אַרבעטער. די סאָציאַל־פאַשיסטן און אַלערליי
אַנדערע פאַרפירער און רעפאָרמער האָבן אין אָט דער פאָרמע פון
אינשורעס דערזען אַ גרויסן אויפטו פון דעם קאַפּיטאַליזם. אויס־
געלאָזן האָט זיך אָבער פון אָט דעם טאַראַראַם אַ בוידים. אַזוי שנעל,
ווי אַן אַרבעטער, אָדער אַן אָנגעשטעלטער פאַרלירט זיין דזשאָב, פאַר־
לירט ער אויך זיין אינשורענס, אמת, ער האָט די פּריווילעגיע פאָרט־
צוזעצן די צאָלונגען, נאָר גיי צאָל פאַר אינשורענס, אַז עס איז אויף
ברויט ניטאָ.

די מערסטע אַרבעטער, וואָס זיינען אינשורט לויט די גרופּן־
פּלענער, מוזן אַליין צאָלן פאַר די פּאָליסים די גאַנצע צייט. די קאָמפּאַ־
ניעס טראָגן בלויז צו אַ קליינעם טייל פון דעם קאָסט פון אָט דער אינ־
שורענס. די דאָזיגע אינשורענס־סקימס זיינען אויך אַ מיטל אויף צו
פאַרשקלאַפן די אַרבעטער און זיי אָפּשרעקן פון סטרייקס. עס איז
קלאָר, אַז אויך דאָ ווערט געמאַכט אַ גרויסער טומל ניט פאַרדינטער־
הייט.

ניט פון דער און ניט פון אַנדערע אַזעלכע „סקימס" וועלן די
אַרבעטער געהאָלפן ווערן.

ווי אַזוי זשע קאָנען זיי פאָרט זיך פאַרזיכערן כאָטש מיט אַ
מינימום פון אַ גאַראַנטירטער סובסידיע אין פאַל פון קראַנקהייט, אין
פאַל, ווען זיי ווערן צעקאַליעטשעט ביי דער אַרבעט, אין פאַל זיי
בלייבן אַרבעטלאָז, ווען זיי ווערן אַלט, ווען די פאַמיליע פאַרלירט איר
שפּייזער?

צוועלף מיליאָן אַרבעטלאָזע פאַרלירן אין לוין — רעכענענדיג
בלויז אַ פאַרדינסט פון 20 דאָלאַר אַ וואָך—די סומע פון צוועלף ביליאָן
דאָלאַר אַ יאָר.

אין די ערשטע צוויי יאָר פון קריזיס האָבן די אַרבעטלאָזע און
די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט בלויז 3—2 טעג אַ וואָך, פאַרלאָרן
אין לוין די סומע פון פופציג ביליאָן דאָלאַר.

דער פאַרלוסט אין פאַרדינסט פון די צוויי מיליאָן אַרבעטער, וואָס
ווערן יערלעך צעשלאָגן ביי דער אַרבעט, און פון די 25,000 אַרבעטער,
וואָס ווערן יערלעך פאַרקריפּלט אויף זייער גאַנץ לעבן, באַטרעפט אַרום
צוויי ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר

דער פאַרלוסט, וואָס עס ליידן די 25,000 פאַמיליעס, וועמעס
שפּייזער עס ווערן יערלעך דער׳הרג׳עט אין די אינדוסטריען אין
אַמעריקע, באַטרעפט אַ מינימום פון 25,000,000 דאָלאַר אַ יאָר. נאָ־

טירלעך, קאָן דער דאָזיגער פאַרלוסט, פונקט ווי די לײדן פון די פאַר־קריפּלטע, ניט געמאָסטן ווערן ־ בלויז געלטלעך.

די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס פאַרלירן זייער אַרבעט צוליב קראַנקהייטן, פאַרלירן יערלעך אין לוין ביליאָנען דאָלאַר. ווי שוין דערמאָנט ביי אַ פריערדיגער געלעגנהייט, זיינען דריי מיליאָן אַר־בעטער יעדן יאָר קראַנק מער ווי אַ חודש צייט. אַ פערטל מיליאָן אַרבע־טער קריינקען יערלעך מער ווי זעקס חדשים צייט. אַרום 100,000 אַרבעטער זיינען קראַנק מער ווי אַ יאָר צייט. צוזאַמען באַטרעפט דער לוין־פאַרלוסט פון אָט די אַרבעטער די ריזיגע סומע פון אַ האַל־בען ביליאָן דאָלאַר. צו דעם דאַרף צוגערעכנט ווערן די קאָלאָסאַלע סומע פון ביליאָנען דאָלאַר, וואָס עס קאָסטן אָפּ דאָקטוירים, האָס־פּיטאַלס און מעדיצין. צוזאַמען וועט זיך באַקומען אַ ריזיגע סומע פון אַרום פינף ביליאָן דאָלאַר אַלס קאָסט פון אַרבעטער־קראַנקהייטן אין אַמעריקע.

די הונדערטער טויזנטער אַלטע לייט, וואָס האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, נויטיגן זיך אין מיליאָנען דאָלאַר שטיצע.

אויף צו דערלאַנגען ממשות'דיגע גאַראַנטירטע הילף אין אָט די אַלע אויסגערעכנטע פאַלן נויטיגן זיך ביליאָנען דאָלאַר.

בלויז סאָציאַלע פאַרזיכערונג אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און פון די אינדוסטריען קאָן באַזאָרגן אַ מינימום פון אינשורענס פאַר אָט די מיליאָנען אַרבעטער, פאַר זייערע פרויען און זייערע קינ־דער, וועלכע טראָגן איבער צוליב די דערמאָנטע אורזאַכן אַזוי פיל אומבאַשרייבלעכע ליידן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן דאַרף אוועקשטעלן די פּראָבלעם פון קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר יעדן אַר־בעטער, וואָס איז שוין אָנגעשלאָסן אין אָרדן, און דורך יעדן מיטגליד דאַרף די פּראָבלעם אוועקגעשטעלט ווערן פאַר יעדן אַרבעטער אין לאַנד.

די אויסגעהאַלטענע פּראָלעטאַרישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע אויפצועפענען די אויגן פון דעם אַרבעטער אין באַצוג צו דער נויטווענדיגקייט פון געגנ־זייטיגער פאַרזיכערונג, וועט ניט דערפילן איר חוב, אויב זי וועט בלייבן אין די ראַמען פון באַזאָרגן מיט מינימאַלער פאַרזיכערונג בלויז איר אייגענע מיטגלידערשאַפט. אויף איר פאַלט דער חוב צו נעמען אַ טיכטיגן אָנטייל אין דער אויפגאַבע צו מאָביליזירן די גאַנ־צע אַרבעטערשאַפט פון לאַנד אין קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג,

וואָס איז די איינציגע פאָרמע פון פאַרזיכערונג, וואָס קאָן דעם אַר־בעטער גאַראַנטירן אַ מינימום הילף אין צייט פון זיין נויט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון קאַמף פאַר אַ ברייטער פאָרמע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר אַלע אַרבעטער און פאַר אַלע פאַלן, ווען דער אַרבעטער פאַרלירט זיין אַרבעטספייאינגקייט; די דאָזיגע פּראָגראַם פאָדערט, אַז די אינשורענס זאָל זיין אינגאַנצן אויפן חשבון פון דער מלוכה, און די פאַר־וואַלטונג מיט די אינשורענס־פאָנדן זאָל אינגאַנצן זיין אין די הענט פון די אַרבעטער.

דער קאַמף פאַר אָט דער פּראָגראַם, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַר־טיי האָט אַרויסגעשטעלט, דאַרף ווערן דער קאַמף פון אַלע אַרבעטער. דער דאָזיגער קאַמף דאַרף אויפגענומען ווערן פון די יוניאָנס, נאָר אַ גאָר גרויסן פּלאַץ דאַרף דער דאָזיגער קאַמף פאַרנעמען אין דער טע־טיגקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, וואָס האָט זיך גענומען בויען אַלס אַן אויסגעהאַלטענע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די קעמפנדיגע אַרבעטער אין אַמעריקע, און וואָס דאַרף זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט דער פראַגע פון פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטער.

ביבליאָגראַפיע :

„וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן" — — — — — — — — אי. ה. דאָעני

„סטייט אינשורענס אין די יו עס ענד אין יוראָפּ" — — פּ. וו. לואיס

„סאָשל אינשורענס אין די יו עס" — — — — — — — דזשי ר. מילער

„אָנעמפּלאָימענט בענעפיטס" — — — — — — — — ב. מ. סטיואַרט

„מיטינג אינדאָסטריעל ריסקס" — — — — — — — — דזשיי פּיטש

„אַרבייטער פאַרזיכערונג אין אויסטראַליע און אין נאַי
זילאַנד" — — — — — — — — — — — — — א. מעינס

„פּענשאָנס אין מאָדערן אינדאָסטרי" — — — — — — איי די. קלאוד

„אינדאָסטריעל אינשורענס" — — — — — — — — ס. ר. ענדערסאָן

„אינשורענס פאָר אָל ענד עווערייטינג" — — — — — וו. ה. בעווערידזש

„סאָשל אינשורענס" — — — — — — — — — — דזשוליאַ דזשאַנסען

„דהי טשעלענדזש אָוו דהי אײדזש" — — — — אייבראַהאַם עפּשטיין

„פּעיסינג אָלד עידזש" — — — — — — — — — " "

„סאָשל אינשורענס" — — — — — — — — — — י. מ. רובינאָוו

„פּראָבלעמס אָוו אָנעמפּליאָד" — — — — — — — — " "

„סאָשל איקאָנאָמיק רעוויו", פון רויטן טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל

„אָלד עידזש סעקיוריטי פּראָגרעס" פון דער „אַמעריקן אַסאָסי־
סיטאיישאָן פאָר אָלד עידזש סעקיוריטי"

„איז איט סייף טו וואָרקט" — — — — — — — — עדיסאָן באַאוערס

„ספּידינג אָפּ דהי וואָרקער" — — — — — — — דיישיימס באַרנעט

„סאָשל אינשורענס" — — — — — — — — — גרייס בוירנהעם

„דענדזשעראָוס דזשאָבס" — — — — — — — — — " "

„אינשורענס עגעיסט אָנעמפּלאָימענט" — — — — — — ד. פּ. שלאָט

„אינשורענס עגעינסט אָנעמפּלאָימענט" — — — — — דזשיי ל. קאָהען

„מאָנטלי לייבאָר רעוויו" — — — — — דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר

„אַמעריקען פעדערײשאָניסט" — אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר

„אָנעמפּלאָימענט אָר וואָר" — — — — — — — — מאָריס קאָלבאָרן

„די אַנאַליסט" — — — — — — — — — — — 1931—1930—1929

„אינדוסטריעל עקסידענט סטאַטיסטיקס" — נעשאָנאַל סייפטי קאָונסיל

„אָנעמפּלאָימענט בענעפיט פּלענס אין דהי יונייטעד סטייטס",
בולעטין פון דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר, נומער 544.